נר. 2.

פֿערלאַג פֿון דער "צייט פֿון פֿערשטאנד"

# בלעטער
## אוים דער געשיכטע
# פֿון אבערגלויבען

פֿון דר. א. גינזבורג.

פרייז אין ענגלאַנד
4 פענס.

פרייז אין אַמעריקאַ
10 סענט.

Published by the
A. O. R. Publishing Association
OFFICE 54, Samuel Street
Camp Road Leeds.

356

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

# בלעטער

## אוים דער געשיכטע

# פון אבערגלויבען

פון דר. א. גינזבורג.

פערלאג פון דער "צייט פון פערשטאנד"

1906.

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/bleeroysdergeshi00aadh

# אנשטאט א פארעדע

פון דר. מארקס נארדוי.

אונזער צייט אַלטער איז אַ פעריאָדע פֿון ליגען און היפאָקריטיזמוס. אַלע אונזערע האַנדלונגען זיינען בעאיינפֿלוסט פֿון דיעזען מאָראַלישען גיפֿט און יעדער איינער גיבט זיך די גרעסטע מיה, צו ערשיינען אַנדערש, ווי ער איז. אונזער גאַנצע געזעלשאַפֿט איז אַ מאַסקירטע און קיינער קען ניט וויסען וואָס אַללעס פֿערשטעקט זיך אונטער דער עפֿענטליכער מאַסקע. אַם בעסטען לאָזט זיך דער אַלגעמיינער ליגען בעאָבאַכטען אין דעם רעליגיעזען לעבען דער געגענוואַרט.

דער ציוויליזירטער מענש לאַכט זיך אויס פֿון דעם אַבער־גלויבען און דיא רעליגיעזע צערעמאָניען, וועלכע מיר געפֿינען ביי די ווילדע פֿעלקער אין צענטראַל אַפֿריקאַ אָדער אויסטראַ־ליען; ער לאַכט זיך אויס פֿון זייער קינדערשע פֿורכט פֿאַר בייזע גייסטער און איז שטאָלץ אויף זיינע קולטור און בילדונג.

און דאָך האָט ער אַבסאָלוט ניט קיין רעכט זיך אויס־צולאַכען פֿון דעם אָרעמען ווילדען, וועלכער האָט ניט געקענט לערנען די רייכע בילדונגס־שעצע פֿון דער מאָדערנער וויסענ־שאַפֿט. דער ווילדער האָט אַ רעכט אַזוי צו האַנדלען, זיינע נידריגע ענטוויקלונגס־שטופֿע ענטשולדיגט איהם פֿאַר אַללע זיינע האַנדלונגען. אָבער יעדע איינציגע רעליגיעזע האַנדלונג, וועלכע ווערט אויסגעאיבט פֿון דעם ציוויליזירטען מענשען, דעם בילדונגס־מענש פֿון׳ם 19־טען יאָהר־הונדערט, איז ניט מעהר ווי אַ לעכערליכע קאָמעדיע, אַן אויסדרוק פֿון היפאָק־ריטיזמוס און בעוואוסטע ליגען. יאָ, עס איז וואהר, דער היינטיגער מענש, דער זוהן פֿון׳ם יאָהר הונדערט דער נאַטור וויסענשאַפֿט איז ניט מעהר ווי אַ בעוואוסטער ליגנער, אַ לע־בערליכער היפאָקריט, ווען ער הייכעלט אכטונג און רעספעקט

פֿאַר רעליגיעזע צערעמאָניען און נאַרישקייטען, וועלכע ער מוז אינערליך פֿעראַכטען.

אָבער דער רעליגיעזער ליגען איז נאָך אונערטרעגליכער און געמיינער ביי דער אַלגעמיינהייט, ווי ביי דעם איינצעלען אינדיווידיאום. דער איינצעלנער מענש, ווען ער איז זאָגאַר אויסערליך אַ מיטגליעד פֿון אירגענד אַ רעליגיאָן און נעהמט אַן אַנטהייל אין איהרע צערעמאָניען, דיזער מענש איז דאָך מאַנכעס מאָל גענוג אויפֿריכטיג גאַנץ אָפֿען צו ערקלעהרען, אַז זיין האַרץ האָט ניט צו שאַפֿען מיט דעם גאַנצען אַבערגלויבען, ער וועט אייך אפילו ערקלערען, אַז ער גלויבט ניט, דאָס איינינע בעשטימטע ווערטער קענען ענדערען די וועלט געזעצע אָדער דאָס דיא לעכערליכע צערעמאָניען פֿון אַ פריסטער קענען ערלייכטערען די נשמות פֿון די געשטאָרבענע דעם איינגאַנג אין גן עדן. אָבער דער זעלבער מענש, וועלכער לאַכט זיך אויס אינערליך פֿון דיזע אַלע לעכערליכקייטען, דער זעלבער מענש ווערט אַן אַנדערער ווען ער טרעט אויף אַלס מיטגליד פֿון דער געזעלשאַפֿט און ער איז בעריט צו ברייננען אַללע מאַטעריעלע און מאָראַלישע אָפּפֿער, וועלכע דער שטאַאַט פֿון איהם פֿערלאַנגט, אום צו ערהאַלטען דעם רעליגיעזען אַבערגלויבען. דער זעלבער שטאַאַט, וועלכער גרינדעט אוניווערזיטעטען, שולען און ביבליאָטעקען, דער זעלבער שטאַאַט בויט אויך קירכען; דער זעלבער שטאַאַט, וועלכער בעצאָהלט פּראָפֿעסאָרען און לעהרער, דער זעלבער שטאַאַט בעצאָהלט אויך פריסטער. דער זעלבער שטאַאַט, וועלכער פֿערפֿליכטעט די עלטערען צו שיקען זייערע קינדער אין די שוהלע, דער זעלבער שטאַאַט בעשטראָפֿט מענשען וועגען גאָט'ס און־רעליגיאָנס־בעליידיגונג. פֿערשטעהט נאָר ריכטיג, וואָס דאָס הייסט. דו בעהויפּטעסט, אַז די ערד שטעהט פֿעסט און דיא זונן דרעהט זיך אַרום איהר, טראָצדעם, וואָס די וויסענשאַפֿט האָט דיר בעוויזען מיט אַלע מיטלען דאָס געגענטהייל. דו בעהויפּטעסט, אַז די ערד עקזיסטירט ערשט 5000 און עטליכע יאָהר; די וויסענשאַפֿט בעווייזט דיר אַז מע האָט געפֿונען אין עגיפּטען און אַנדערע לענדער בוי־שטיינער, וועלכע זיינען

אום איינִיגע 1000 יאָהר עלטער. מיט איין וואָרט דו קענסט בעהויפּטען די גרעסטע לעכערליכקייטען אָהנע מורא צו האָבען, דאָס מען זאָל דיר דערפֿאַר איינשפּאַרען אין משוגאים הויז. אין געגענטהייל, מע וואַלט דיר זאָגאַר פֿעהיג אָנצונעהמען עפֿענטליכע שטעלען און עמטער, טראָצדעם, וואָס דו האָסט בעוויזען דיין טאָטאַלע אינפֿעהינקייט צו דענקען,

דו בעהויפּטעסט דאָס געגענטהייל, אַז דו גלויבסט ניט אין דאָס דאַזיין פֿון אַ גאָט, אַז דער גאָט פֿון די מאָדערנע רעליגיאָנען איז ניט מעהר ווי דער אויסדריק פֿון קינדערשע, געמיינע אָדער וואַהנזיניגע פֿאַנטאַזיען, און מע וועט דיר פֿערפֿאָלגען און דיר ערקלעהרען פֿאַר אונפֿעהיג אָנצונעהמען עמטער, טראָצדעם, וואָס מע האָט ביז יעצט נאָך ניט געבראַכט די גרינגסטע פֿערנינפֿטיגע, וויסענשאַפֿטליכע און ערנסטע בעווייזע פֿאַר דאָס דאַזיין פֿון אַ גאָט, טראָצדעם וואָס אַלע אַרגומענטען פֿון די גלויביגסטע טהעאָלאָגען זיינען ניט דעם טויזענדסטען טהייל אַזוי קלאָהר און ריכטיג, וויא די אַרגומענטען, מיט וועלכע דער געאָלאָג פֿעסט שטעלט דאָס אַלטער פֿון אונזער ציוויליזאַציאָן אָדער דער אַסטראָנאָם דיא בעוועגונגען פֿון דער ערד און די אַנדערע הימעלס קערפּער.

דאָך לאָמיר ווייטער רעדען. דער שטאַאט שטעלט אָן פּראָפֿעסאָרען, ער בעצאָהלט זיי מיט די שטייער־געלדער און איבערטראָגט אויף זיי אַ טהייל פֿון זיין אייגענער אויטאָריטעט. דיזע פּראָפֿעסאָרען האָבען דעם דירעקטען אויפֿטראַג צו לערנען און צו בעווייזען, דאָס אַלע ערשיינונגען אין וועלט־רוים ווערען רעגירט פֿון אַלגעמיינע נאַטור געזעצע, צו בעווייזען, אַז די פֿיזיאָלאָגיע קען ניט קיין אונטערשיעד אין די אָרגאַנישע לעבענס־טהעטיגקייטען פֿון לעבענדיגע וועזען א. ז. וו. אָבער נעבען דעם פּראָפֿעסאָר פֿון די פֿיזיק און נאַטור־וויסענשאַפֿט האָט דער שטאַאט אויך פּראָפֿעסאָרען דער טהעאָלאָגיע, וועלכע האָבען אויך דעם דירעקטען אויפֿטראַג צו לערנען און צו בעהויפּטען — בעווייזען קענען זיי ניט — דאָס גענויע געגענטהייל פֿון דעם, וואָס דער פּראָפֿעסאָר פֿון דער נאַטור־וויסענשאַפֿט האָט געלערענט און בעוויזען. ער האָט דעם

אויפטראַג צו דערצעהלען, אַז ניי-געבאָרענע מענשען זיינען שוין בעלאַדען מיט זינדען, אַז גאָט האָט דיקטירט אַ בע־שטימטעס בוך צו געוויסע אויסגעוועהלטע מענשען, אַז דער געטליכער ווילען האָט שוין פיעלע מאָל אויפגעהויבען דיא רעגעלמעסיגקייט פון די נאַטור-געזעצע, אַז ער האָט געמאַכט דעם מענשען פון אַ שטיק לעהם און פיעלע אַנדערע נאַריש-קייטען.

ווען אַ געזעץ ליבענדער בירגער זאָל זיך אָנהערען דעם פאָרטראַג פון אַ שטאַאַטליך אָנגעשטעלטען פּראָפעסאָר דער נאַטור-וויסענשאַפט, און דאַן זאָל ער בעזוכען די פאָרלעזונ־גען פון אַ טהעאָלאָג, וועלכער רעפרעזענטירט אויך דיא אויטאָריטעט פון'ם שטאַאַט, דאַן מוז זיך ענטוויקלען ביי איהם אַ שטאַרקער צווייפעל. דער וויסענשאַפטס-מאַן האָט איהם געזאָגט, אַז דער טוירט לעזט אויף דעם אָרגאַניזמוס אין זיינע אורשפּרינגליכע בעשטאַנד-טהיילע דער טהעאָלאָג זאָגט איהם, אַז עס האָבען עקזיסטירט געוויסע מענשען, וועלכע זיינען געשטאָרבען און טראָצדעם שפּעטער ווידער אייפגעוועקט גע-וואָרען פון טויט דורך אַ געטליכען וואונדער. און ביידע לעהרער רעפּרעזענטירען די אויטאָריטעט דער רעגירונג; פאַר ביידע מוז דער בירגער בעצאָהלען זיינע שטייערען און ביידע ערקלעהרט דער שטאַאַט פאַר גלייך נויטווענדיג און גלייך בערעכטיגט.

וועמען זאָל דער אונגליקליכער בירגער יעצט גלויבען? דעם טהעאָלאָג? דאַן איז דאָך דער פיזיאָלאָג אַ ליגנער און דער שטאַאַט בעצאָהלט אַ בעטריגער, ער געבט איהם מיט פולען בעוואוסטזיין דעם אויפטראַג צו פערברויטען ליגענס אונטער דער יוגענד. אָדער זאָל ער אפשר גלויבען דעם פי־זיאָלאָג? אָדער דאַן איז דאָך דער טהעאָלאָג אַ ליגנער און דער שטאַאַט בעגעהט דאָס זעלבע פערברעכען, ער בעצאָלט אַ מענשען פאַר זיינע בעטריגערייען.

קענט איהר זיך דאַן נאָך וואונדערען ווען דער גוטער בירגער זאָל פערלירען דעם גאַנצען רעספּעקט, די גאַנצע אַכטונג פאַר דעם אויטאָריטעט פון'ם שטאַאַט?

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַללעס. דער שטאַאַט פער-

פֿאָלגט מיט זיינע געזעצע אַלטע פֿרויען, וואַהר־זאָגערינען, וועלכע בעשווינדלען אָרימע דינסט־מעדכען, וועלכע גלויבען, אַז זיי האָבען די קראַפֿט צו פּראָפֿעצייהען די צוקונפֿט. אָבער דער זעלבער שטאַאַט האָט גאָר ניט דאַגעגען, ווען דיא פּריסטער בעגעהען דעם זעלבען בעטרוג, צונעהמענדיג דאָס געלד אויס די פּאָקעטס פֿון די גלויביגע, וועלכע זיינען גענוג דום צו גלויבען אַז זיינע געבעטע קענען בעפֿרייען די נשמות פֿון זייערע געשטאָרבענע פֿערוואַנדטע אויס גיהנם.

עס איז ניט מענגליך צו פֿערפֿאָלגען דעם רעליגיעזען ליגען אין אַלע זיינע איינצעלהייטען, ווען מע וויל ניט טויזענד מאָל ווידערהאָלען, וואָס אַנדערע האָבען שוין נאָכגעוויזען בעפֿאָר. דער רעליגיעזער ליגען דורכדרינגט אונזער גאַנצעס עפֿענטליכעס און פּריוואַטס־לעבען.

דער שטאַאַט איז אַ ליגנער ווען ער אַנשטעלט פּריסטער און קירכען־פֿירסטען; די געזעלשאַפֿט איז אַ בעטריגערין, ווען זי לאָזט בויען קירכען און גאָטעס־הייזער; דער ריכטער איז אַ ליגנער, ווען ער פֿעראורטהיילט מענשען וועגען רעליגיאָנס־בעליידיגונג; דער פּריסטער איז אַ ליגנער, ווען ער לאָזט זיך בעצאָהלען, פֿאַר לעבערליכע האַנדלונגען און דומע רעדענס־אַרטען, פֿון וועלכע ער ווייסט, אַז זיי ענטהאַלטען נאָר נאַרישקייטען און משוגעת; דער אויפֿגעקלעהרטער מענש איז אַ ליגנער אַ היפּאָקריט, ווען ער נעהמט אַנטהייל אין די רעליגיעזע צערעמאָניען, ווען ער לאָזט זיינע קינדער טויפֿען אָדער בעשניידען.

די טהאַטזאַכע, דאָס אונזער ציוויליזאַציאָן ווערט בעהערשט פֿון אַן אורוועלטליכען אַבערגלויבען, דיא געזעלשאַפֿטליכע שטעללונג וועלכע דער פּריסטער נעהמט איין אין עפֿענטליכען לעבען, דער פּריסטער, דיזע אייראָפּעאישע פֿערקערפּערונג פֿון די אַפֿריקאַנישע צויבערער, דאָס אַללעס איז אַזאַ אַן אונגעהייערער טריאומפֿ פֿון דער פֿייגהייט און היפּאָקריטיזמוס, וועלכער מאַניפֿעסטירט אונז אין דער דייטליכסטער ווייזע, אַז אונזער גאַנצע קולטור איז דורך און דורך קאָררומפּירט און דורכגעדרונגען מיט ליגען און געמיינהייט, דאָס אַלע געזעלשאַפֿטליכע לעבענס פֿאָרמען זיינען פֿערפֿוילט ביז צום וואָרצעל און פֿערדינען ניט לענגער צו עקזיסטירען.




# ברעטער אויס דער געשיכטע פֿון אבערגלויבען*)

## מלאכים און שדים.

פין דעם קוק פֿון אַ קולטור־היסטאָריקער איז אייגענט־ליך גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, וואס מען זאָל קענען רופֿען אַבערגלויבען. דאָס, וואָס מיר רופֿען היינטיגען טאָג אַבערגלויבען איז מיט הונדערטער יאָהרען צוריק אָנגערופֿען געוואָרען דער ריינסטער, פֿערנינפֿטיגסטער גלויבען; און ווער וייס, אויב דאָס אין וואָס מיר גלויבען היינט, וועט מיט הונדערט יאָהר שפּעטער ניט אָנגערופֿען ווערען דער נאַרעשטער אַבערגלויבען? אַבערגלויבען, איז דער גלויבען פֿון אַ פֿערגאַנגענער צייט, וועלכער איז ניט מעהר איבעראיינשטימענד מיט דיא איינזיכטען פֿון אַ נייערע צייט; עס איז אַ פֿערעלטערטער, ניט מאָדישער גלויבען. גלויבען

*) ביין צוזאַמענשטעלען פֿון דיעזע קאַפּיטלען האָב איך זיך הויפּטזעכליך בענוצט מיט דר. רובינס "מעשה תעתועים", פֿון וועלכע איך האָב גענומען כמעט אַללע פֿאַקטען, אָבער

שליסט אויס וויסען, און ווען דער מענש פאַנגט אָן צו וויסען ווערט פון דעם גלויבען אַן אבערגלויבען. ווען מיר שטודירען דעם אַבערגלויבען, הייסט עס אין אמת'ן, אַז מיר שטודירען אַ געוויסע פאַזע אין דער ענטוויקלונג פון מענש־ליכען גלויבען. לאַכען איז דערפון ניטאָ וואָס; דאָס דאַרף מען פאַרשטעהן.

מיר ווילען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מענשען זיינען געקומען צו דעם גלויבען און אַן איבערנאַטירליכע וועזען, ווייל דאָס וועט אונז אַוועקפיהרען צו ווייט פון אונזער ענין. דאָס איז אָבער זיכער, אַז דיא מענשען אין אָנפאַנג האָבען זיך ניט געקענט ערהויבען צו דעם בעגריעף פון אַן איין־איינציגען גאָט, פון אַן איינציגע איבערנאַטירליכע קראַפט וואָס האָט צו זאָגען איבער אַלעס און אַללעס. זיי זיינען געווען פיעל מעהר גענייגט צו גלויבען אין מעהרערע, אין אונצעהליגע איבערנאַטירליכע וועזענס. יעדער פון דיעזע איבערנאַטירליכע וועזענס האָט זיך געהאַט אַ ממשלה איבער אַ בעשטימטע נאַטור־ער־

---

בשום אופן קיינע פון זיינע אויספיהרונגען. דר. רובין איז נעמליך שוין צופיעל פאַרטהייאיש צום אידישען פאָלק און טהוט זיין בעסטעס אום צו "בעווייזען", אַז דאָס אידישע פאָלק איז אין עצם ריין פון דיא אַלע מעשים תעתועים און אַז דאָס אַלעס האָט זיך צו איהם צוגעקלעפט פון דיא אַרו־מיגע שכנים. איך וויל דערמיט ניט בעשולדיגען דר. רובין. עס קען זיין, אַז ער האָט עס געטהאָן מיט אַ כיון, אום אויף אַזאַ אופן לייכטער צו ערר[ייכען] זיין ציעל, ער האָט מיט אַ כיון איינגעוויקעלט דעם ביטערען פיל אין צוקער כדי דער פאַציענט זאָל עס בעסער נעהמען... איך, אין געגענטהייל וועל זיך מעהר אַ ביסעל אָבשטעלען אויפ'ן אידישען אַבער־גלויבען.

מיינונג. עס דונערט, נון איז מסתמא דאָ אַ גאָט וואָס מאכט דעם דונערען; עס רעגענט — מסתמא איז דאָ אַ גאָט וואָס איז טמונה אויפֿ'ן רעגען; אַ גאָט פֿון שטורעמען א. ז. וו. א. ז. וו. יעדע נאַטירליכע ערשיינונג האָט זיך איהר גאָט.

שפּעטער ווען מענשען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו בעגרייפֿען אַ מין איינהייט אין דיא נאַטירליכע ערשיינונגען, האָט זיך געבילדעט אַ גלויבען אין אַן איין-איינציגען גאָט. אָבער פֿון דיא אַלע טויזענדער פֿערשיעדענע געטער האָט מען ניט אַזוי לייכט געקענט פּטור ווערען. נון האָט מען זיי געמאַכט פֿיר משרתים פֿון דעם איינציגען אַלמעכטיגען גאָט; דיא אַלע פֿערשיעדענע זעלבסט-שטענדיגע געטטער זיינען געוואָרען מ ל א כ י ם. דיזע מלאכים זיינען טאַקע דיא טמונים איבער דיא פֿערשיעדענע נאַטירליבע ערשיינוגגען, אָבער זייא זיינען אונטערוואָרפֿען אונטער דעם ווילען פֿון זייער הערר, דעם אַלמעכטיגען הערשער.

דער אַלמעכטיגער הערשער און זיינע משרתים, דיא מלאכים, זיינען אָבער דאַן נאָך ניט געוועזן הוילע רוחניות — דאָס איז אַ צו עדעלער בעגריעף פֿיר דיא מענשען פֿון יענער צייט. דער גאָט און זיינע משרתים זיינען געוועזן בעלי-גוף, זיי האָבען געהאַט קערפּערס און דיא אַללע פֿערשיעדענע אָרגאַנען. פֿון גאָט אַלס אַ בעל-גוף איז דער תנ"ך פּשוט איבערגעפֿיעלט; עס איז דאַרום ניט מעהר וויא זעלבסט-פֿערשטענדליך, אַז אויך זיינע משרתים זיינען פּשוטע בעלי-גופים. אָט וויא דניאל (דניאל י.) בעשרייבט איינעם פֿון די מלאכים, וועלכען ער האָט געזעהען: "ער איז געקליידעט אין ליינען; א גאָלדערנען גאַרטעל טראָגט ער אויף זיינע לענדען, זיין קערפּער איז וויא קריסטאָל, זיין געזיכט שיינט וויא אַ בליטץ; זיינע אויגען ברענען וויא פֿייער; זיינע הענד און פֿיסס זיינען וויא פֿינקעלנדע קופּער: און אַז ער רעדט הערט זיך אַ שטימע וויא טויזענדער וואָלטען ריידען."

מיט דעם בעגריעף אַז גאָט איז נור אַ גייסט און האָט אין זיך קיין שום קערפּערליכעס ניט, האָט זיך אויך געענדערט דער בעגריעף וועגען דיא מלאכים, וועלכע זיינען אויך געוואָרען הייליגע רוחניות.

בעטראַכטענדיג דיא פֿערשיערענע נאַטירליכע ערשיינונגען, האָט דער מענש געזעהען, אַז מאַנכע פֿון זיי זיינען ניטצליך פֿיר איהם און ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבען גוטע ערשיינונגען; מאַנכע דאַגעגען זיינען שעדליך פֿיר זיינע אינטערעסען און ער האָט זיי אַ נאָמען געגעבען שלעכטע מיינענדיג, אַז ער איז דער מיטעל־פונקט פֿון דער גאַנצער שעפּפֿונג, איז עס ניט מעהר וויא נאַטירליך, וואָס דיא מאָס פֿון גוט און שלעכט זיינען ביין מענשען געווען זיינע אייגענע אינטערעסען. עס איז געפֿאַלען אַ רעגען אין דער צייט און האָט אָנגעזעטיגט דיא פֿעלדער — דאָס איז אַ גוטע ערשיינונג; אַ שטורם איז אָנגעקומען, וואָס האָט צוואָרפֿען זיין אָרימע וואָהנונג, חרוב געמאַכט שטעדט און דערפֿער דאָס איז נאַטירליך אַ שלעכטע ערשיינונג. ער האָט ניט פֿערשטאַנען, אַז ניט דער רעגען בעצוועקט איהם צו טאָהן גוטעס און ניט דער שטורם איז בעשטימט איהם צו טאָהן שלעכטעס; אַז ביידע זיינען אונפֿערמיידליכע נאַטירליכע ערשיינונגען, אַרויסגערופֿען דורך פֿערשיערענע אורזאַכען, אָהן שום צוועק; ער האָט ניט פֿערשטאַנען, אַז ער, דער בחיר היצורים, איז דאָ בלויז אַ נעבען־זאַכע, אַ צושויער, פֿיר וועמען אַ געוויסע ערשיינונג קען צופֿעלליגער ווייזע זיין גוט אָדער שלעכט.

דער מענש האָט זיך דאַן געשטעלט דיא הארבע קשיה, וויא אַזוי איז עס מעגליך, אַז דער זעלבער וועזען וועלכער טהוט איהם גוטעס, זאָל אין דערזעלבער צייט אויך איהם טאָהן שלעכטעס? קען עס דען זיין, אַז דער זעלבער וועזען, וועלכער גיט איהם, דעם מענשען, לעבען, ליכט און גליק,

זאָל איהם אויך געבען טווירט, פינסטערנים און אונגליק? ניין, עס זיינען מסתמא דאָ צוויי ווירקענדע קרעפֿטען, צוויי בעזונדערע וועזענס, פֿון וועלכע איינער טהוט נור גוטעס און דער אַנדערער נור שלעכטעס.

צווישען דיזע ביידע ווירקענדע קרעפֿטע געהט פֿאַר אַ שטענדיגער קאַמפף, אַמאָל איז איינער און אַמאָל איז דער צווייטער גובר, און דאַן הערשט גוטס אָדער שלעכטס אויף דער וועלט.

ריעזע עוויג-פֿערדערבענדע קראַפֿט וואָס זוכט נור צוא ברייגגען אונגליק אויף דער וועלט איז בעקאַנט ביי פֿערשיעדענע אַלטע פֿעלקער מיט פֿערשיעדענע נעמען. ביי דיא אַלטע עגיפטער האָט ער געהייסען טיפֿון; ביי דיא פערזיער אחרימאן; ביי אידען דעל שטן; אין דיא שפעטערע קבלה ספרים איז ער בעקאַנט אַלס סמאָל, נחש הקדמוני א. ז. וו.

דער אידישער שטן איז אין מאַנכע הינזיכטען נאָך ערגער וויא דער פערזישע- אַחרימאָן, ער איז נעמליך אַ גרויסער צבועק; עד שטעלט זיך ארויס פיר אַ פֿריינד און אין האַרצען טראַכט ער פֿערראַטה. „דער יצר-הרע, דער שטן און דער מלאך-המות איז איינער און דער זעלבער. פֿריהער שטעלט ער זיך אַרויס פֿיר אייערען אַ פֿריינד און רעדט אייך צו, וואָס צו טאָהן; דאַן געהט ער אַרויף און פֿערמסר'ט אייך; דאַן געהט ער אַראָב און רויבט ביי אייך דעם לעבען.“ (בבא בתרא)

פונקט וויא דער גוטער גאָט האָט זיך זיינע משרתים, דיא גוטע מלאכים, אַזוי האָט דער שלעכטער גאָט, דער שטן, אויך זיינע משרתים, דיא שלעכטע מלאכים.

דער מענש איז בטבע אָפּטימיסטיש, ער איז געגעוויגט צוא גלויבען אין דעם ענדליכען טריאומפף פֿון דאָס גוטע, ד. ה. און דאָס, וואָס איז גוט פֿיר איהם. עס איז דאַרום נאַטירליך, וואָס דער גוטער גאָט איז בעטראַכט געוואָרען

אַלס דער העכערער גאָט דעא שטן, אָדער וויא ער זאָל ניט הייסען, איז אייגענטליך ניט מעהר וויא גאָט'ס אַן אונטער־טהאַן, וועלכער וויל ניט פֿערשטעהן דיא אונענדליכע גנאַדען פֿון גאָט'ס רעגירונג איבער דער וועלט. דער חברה־מאַן וועט זיך אָבער ענדליך אונטערגעבען, און דאַן וועט אַללעס זיין גוט.

ביז דאַן אָבער, און ווער וויים וויא לאַנג נאָך דאָס וועט דויערען, רייסען זיי זיך אַרום און פֿיהרען צווישען זיך אַ פֿירכטערליכע מלחמה. צום רעבעלירענדען שטן זיינען צוגע־שטאַנען גאָך מלאכים, וועלכע האָבען מורד געוועזען אין גאָט.

צווישען דיזע מלאכים זיינען אַם בעסטען בעקאַנט שמחאי און עזאל, וועלכע זיינען אַראָבגעוואָרפֿען געוואָ־רען פֿון הימעל צוליעב זייערע זינד און זיי זיינען צוגעשטאַ־נען צום שטן. דיעזע צוויי שלעכטע מלאכים האָבען זיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַ געוויסע שעהנע ווייבעל נעמה, און איהרע טעכטער, און פֿון דיעזע בעקאַנטשאַפֿט זיינען געבאָרען געוואָרען דיא שדים און מזיקים.

דיא שדים, זייענדיג בעהעלפֿער פֿון דעם שטן, זיינען נור מלאכים פֿון טאַטענס צד; פֿון דער מאַמע'ס צד זיינען זיי בשר־ודם'ס. דיא שדים האָבען דאַרום די אייגענשאַפֿטען אי פֿון מלאכים, אי פֿון מענשען (דער תלמוד פֿערברייטעט זיך גאַנץ גענוי וועגען דיעזע אייגענשאַפֿטען): זיי עסען און זיי קינדלען אַקוראַט וויא מענשען; זיי קענען פֿליהען און וויסען, וואָס עס וועט פּאַסירען, וויא מלאכים.

דער סדר היחוס פֿון דיא שדים פֿאַנגט זיך פֿון אשמדאי, וועלכער איז וואָהרשיינליך אַ זוהן פֿון איינעם פֿון דיא אויבענדערמאָנטע שלעכטע מלאכים — שמחזאי און עזאל. דער אשמדאי האָט פיער ווייבער: לילית, איגרית, מחלת, און נעמה.

דער צאָהל פֿון דיא שדים איז זעהר גרויס, און דרע

גאַנצער גליק אונזערער איז, וואָס מיר זעהען זיי ניט. עס איז ניטאָ קיין שטיקעלע חלל, וואָס זאָל ניט זיין איבערגע־פּיהלט מיט טויזענדער שדים.

ניט אַללע שדים האָבען איין פנים, מאַנכע האָבען א מענשליכען אויסזעהען. און צווישען זיי געפינען זיך גאַנץ שעהנע נקבות; מאַנכע ווייזען אויס וויא הינד (הני כלבא דחציפין), מאַנכע ווייזען אויס וויא ציגען.

צווישען דיא שדים האָבען זיך זאָגאַר געפונען גרויסע לומדים. אַזוי איז געווען אַ געוויסער שד יוסף, וועלכער האָט געלערנט מיט רב חסדא'ן און רבה'ן. א שד יונתן, וועלכער האָט געלערנט מיט ר' חנינא'ן א. ז. וו.

ניט אַלע מאָל האָבען דיא שדים שליטה. איבערהויפּט זיינען זיי געפעהרליך מיטוואָך אָבענד. דאַמאָלס לאָזט זיך אַרויס אגרת בת מהלת מיט אַ כאַלאַסטרע פון זעקס הונדערט טויזענד מלאכי חבלה, און מאַכט אָן צרות אויף דער וועלט.

קוים איז אויסגעאַרביט געוואָרען אַזאַ מין שדים־סיס־טעמע, האָבען נאַטירליך מענשען געזוכט וויא זיך צו בע־פרייען פון זייערע איינפלוס, און דאָס האָט געפיהרט צו קמעות, לחושים און השבעות, וועגען וואָס אונז וועט נאָך אויסקומען צו שרייבען אין דיא נעכסטע קאַפּיטלען.

2.

# מתים רוחות און נשמות.

דער מענש אין זיין ווילדען און האַלב־ווילדען צושטאַנד קען ניט בעגרייפֿען דעם טוידט; ער קען ניט פֿערשטעהן, וואַרום דער מענש שטאַרבט. דער גידאַנק, אַז דער מענש מוז ענדליך שטאַרבען, איז איהם פֿאָלשטענדיג פֿרעמד, ווייל איהם פֿעהלט דערצו דיא לאַנגע טויזענד־יעהריגע ערפֿאַהרונג, וואָס מיר האָבען. ער זעהט ניט אין דעם טוידט אַ מוז, אַ נויטווענדיגע ערשיינונג אַלס דער לעצטער אַקט אין דער טראַגעדיע פֿון לעבען, זאָנדערן אַ מין אונגליקליכען צופֿאַל. ער גלויבט, אַז דער מענש דאַרף לעבען אויביג, סיידען דאָס לעבען ווערט איבערגעריסען דורך אַ געוואַלד טהאַט, דורך אַ מאָרד צ. ב. ש. פֿילעס האָט צו דיזען גלויבען בייגעטראָגען דער אומשטאַנד, וואָס אַזוי וועניג מענשען האָבען אין יענער צייט דערלעבט צו שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען טוידט.

ניט נור וויים דער ווילדער און האַלב ווילדער מענש

ניט, וואַרום מען שטאַרבט; ער ווייס אויך ניט וואָס איז עס אַזעלכעס דער טוידט. אָט זעהט ער איצטער דעם זעלבען קערפּער מיט דיא זעלבע גליעדער, וועלכע האָבען גאָר ניט לאַנג צוריק זיך בעוועגט, געלעבט, ליגען טוידט אָהן איר־גענד וועלכע בעוועגונג. ער זעהט ניט קיין ענדערונג אין דעם קערפּער גופא, און קומט דאַרום צום שלוס, אַז אין דיעזען קערפּער האָט געוואָהנט עטוואָס אינזיכטבאַרעס׳ וואָס האָט איהם בעלעבט; אַז דיעזעס אונזיכטבאַרע איז מיט געוואַלד אַרויסגעיאָגט געוואָרען פֿון קערפּער; אַז דיעזעס אונזיכטבאַרע איז דערפֿאַר געבליבען אַן אייביגער דם שונא דיא לעבעדיגע און טהוט זיין בעסטעס, אום פֿון זיי צו נעה־מען נקמה, און וואָס קען נאָך זיין אַ גרוּזאַמערע נקמה, וויא צו בערויבען דיא לעבעדיגע פֿון דאָס בעסטע, וואָס זיי בעזיטצען,— פֿון לעבען.

דיא מתים זיינען אַלזאָ דם־שונאים פֿון דיא לעבעדיגע און, ווען אַ מענש וויל אויסמיידען טראָבעל און וויל זיך לעבען בשלוב ובשלוה, דאַרף ער זעהען מפּצה צו זיין דיא מתים, זוכען זיי געפֿעלען צו ווערען.

וויא קען מען זיי מפּצה זיין? דאָס איז שוין ניט אַזאַ הרבע קשיא; מען דאַרף זיי זאָגען חניפות, שירים ותשבחות; מען דאַרף זיי ברוינגען קרבנות, געבען זיי צו עסען און טרינקען פֿון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע; מען דאַרף זיי ניט דערמאָנען צום בייזען. אָבער טראָץ אַללעס דעם, איז מען נאָך מיט זיי אַלץ ניט זיכער, און דאַרום איז גלייכער אַז מען מיידט זיי אויס, אַז מען איז ניט אין צו נאָהענטע שייכות מיט זיי. אמת טאַקע, מען דאַרף מיט דיא מתים ווערען בעפֿריינדעט, אָבער דאָך בלייבען פֿון וויטען.

פֿון דיעזען גלויבען אין דיא מתים זיינען אַרויסגעקומען הונדערטע פֿאַרשיעדענע נאַרישע מנהגים און דינים, ווי מען דאַרף פֿערהיטען דעם כבוד פֿון דיא מתים פֿון איין זייט,

און ווי מען דאַרף ניט שטעהן אין זייערע ד׳ אמות פֿון דיא אַנדערע זייט.

דער מת איז טמא. דער, וואָס ריהרט זיך אָן איהם אָן, איז אויך טמא. און ער דאַרף אויסגעמידען ווערען אויף אַ בעשטימטער צייט, ביז וואַנען דער רוח הטומאה איז עטוואָס אַרויס.

דער מנהג פֿון "סעודת הבראה" ביי אידען איז אָהן צווייפֿעל אָהן איבערבלייבעכץ פֿון אַן אַלטע מנהג צו מאַכען אַ סעודה לכבוד דעם מת גלייך נאָך׳ן טוידט. דיעזער מנהג האָט אין פֿערליף פֿון דער צייט פֿערלאָרען זיין ערסטע בע־דייטונג, און איצטער הייסט עס, אַז מען ברייננגט דיא אבלים דיא ערסטע סעודה.

פֿון דיא אויסדריקע "זבחי מתים," "דורשי למתים" וואָס מען געפֿינט אין דער ביבעל, איז אַרויסצוזעהען, אַז בייא אידען האָבען זיך געפֿונען פֿיעלע, וואָס פֿלעגען ברייננגען קרבנות און מתפלל זיין צו דיא מתים. דאָס איז געווען דיא פֿאָרטגעשריטענע מינאָריטעט, וואָס האָט געקעמפּפֿט געגען דעם.

איבריגענס, נאָך איצטער געהט מען "רייסען די קברים" און "מעסטען פֿעלד," ווען עס טרעפֿט זיך עפּעס אַ צרה. ווער פֿון אונז וויים ניט פֿון דיא תפלות און בקשות, וועלכע ווערען אָנגעשריבען אויף דיא מצבות פֿון גאונים און צדיקים? איך גלויב, אַז מאַנכע פֿון אונז האָבען עס אַליין געטהאָן. ווערען פֿון אונז איז ניט אויסגעקומען צו הערען, וויא אַ׳ן אָרעמע אלמנה גיסט אויס איהר ביטערע האַרץ אויף איהר מאַנס קבר. אָדער וויא אַן אַלטע בתולה בעט זיך רחמים ביי איהר לאַנג פֿערשטאָרבענען טאַטען, אַז ער זאָל איהר צושיקען איהר בעשערטען? ?

דיעזע מנהגים זיינען נור שוואַכע איבערבלייבעכצען פֿון דעם אַמאָליגען שטאַרק־ענטוויקעלטען מתים־קולט, וואָס האָט עקזיסטירט ביי אידען פונקט ווי ביי אַללע אלטע פֿעלקער.

דיא מתים, דאָס הייסט, דער אונזיכטבאַרער טהייל פֿון זיי, זיינען אונזערע שונאים: דאָס זיינען דיא רוחות רעות, וועלכע זיטצען און לויערן אין די פֿערשיעדענסטע פלעצער אויף אונז. אום זיך אַריינצוכאַפּען און ברייננגען אויף אונז אַלערליי קראַנקהייטען און טאַקע דעם טוידט גופא.

אונגליקליכע סבות קענען זיך מיט אַ מענשען מעהר טרעפֿען ביי נאַכט ווי ביי טאָג, אין איינזאַמע פֿערוואָרפֿענע און אונריינע פלעצער, וואו עס איז שווער צו קריגען באַלדיגע הילפֿע. עס איז דאַרום נאַטירליך, וואָס דיא מענשליכע פֿאַנ־טאַזיע, וועלכע איז איין מאָל געקומען דערצו, אַז דיא אורזאַכע פֿון דיעזע אַללע אונגליקען זיינען דיא רוחות רעות. האָט בעשטימט אַלס זייער אויפהאַלטס פלאַטץ יענע איינזאַ־מע, פֿערוואָרפֿענע און אונריינע פלעטצער.

דיא רוחות רעות רינגלען אונז אַרום איבעראַל, אָבער זייער הויפט־שליטה איז ביי נאַכט און אין מדבריות, חורבות, און אין בית הכסא. דערפֿון שטאַמען אָב פֿערשיעדענע רע־געלען, וויא אַזוי מען זאָל זיך היטען אין אַזעלכע פלעטצער פֿון דעם פֿערדערבענדען איינפֿלוס פֿון דיעזע רוחות רעות.

אַ געווינערען איז עלול צו פֿערשיעדענע געפֿאַהרען, איבערהויפט אין יענער צייט, ווען מענשען האָבען גאַנץ וועניג פֿערשטאַנען דיא דינים פֿון ריינליכקייט און זייער וויכטיגקייט, האָבען זעהר פֿיעלע קינד־בעטאָרינס געמוזט שטאַרבען. עס האָט דאַרום געהייסען, אַז אויף אַ געווינערין האָבען דיא רוחות רעות אַ בעזונדערע שליטה, און אַז דע־ריבער "היולדת צריכה שמירה" — אַ געווינערין דאַרף מען היטען. ניט היטען איהר פֿון שמוטץ און אונריינקייט, נאָר פשוט פֿון רוחות דורך פֿערשיעדענע סגולות וויא דער אָנקלאַ־פען פֿון דיא "שיר המעלות"ן." ווער פֿון אונז האָט ניט גע־זעהען דיעזע "שיר המעלות'ען אָנגעקלאַפּט אויף דיא פֿענס־טער און טירען פֿון אַ געווינערין. איהר קענט זיי אָפֿט

טרעפֿען אפילו אין דיא הייזער פֿון אפיקורסים. זיי טהוען עס מאַנכעס מאָל צוליעב דאָס ווייב, דיא שוויגער, און גאַנץ אָפֿט (זאָל עס זיי צו קיין נגאי ניט זיין) צו בערוהיגען זיך גופא...

אין דער פריה מוז מען גלייך, וויא מען שטייט אויף, זיך אַרומוואַשען, דאָס איז אפילו ניט קיין שלעכטער דין, אָבער דיא פֿאַרשיערענע נאַרישע דינים דערביי מאַכען איהם לעכערליך. יערע האַנד מוז אָבגעגאָסען ווערען דריי מאָהל, ערשט דאַמאָלסט אַנטלויפֿען פֿון זיי דער רוח הטומאה — ניט געוואַשענער הייד איז פשוט געפֿעהרליך זיך אָנצוריהרען אָן אַ גליעד מיט דיא הענד: ריהרט מען אָן דיא אויגען, קען מען בלינד ווערען.

אַזוי האָבען עס מענשען געלעבט אין גאָלע ציטערניש פֿאַר דיא אונזיכטבאַרע בוחות פֿון זייערע פֿאַרשטאָרבענע פֿריינד. און שוין לאַנג נאָך דעם, וויא זייער בעגריף פֿון רוחות איז פֿערשוואונדען געוואָרען און אויף זיין פלאַץ האָט זיך אַרויסגעאַרבייט אַן ערעלערער בעגריף פֿון נשמה, שוין לאַנג נאָך דעם האָבען מענשען נאָך אַליץ זיך געשראָקען פֿאַר דיזע רוחות; דיא אַלטע מורא האָט ניט אַזוי לייכט געקענט פֿאַרשוואונדען ווערען.

דער בעגריף ״נשמה״ איז בלויז אַ ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דעם בעגריף רוח. דאָס איז דאָס זעלבע אונזיכטבאַרע עטוואָס, וואָס בעלעבט דעם מענשליכען קערפער און פֿאַר־לאָזט איהם, ווען ער איז טוידט. אָבער דיא נשמה איז שוין העכער פֿון דעם רוח דערמיט, וואָס זיא איז ענג פֿערבונדען אויך מיט דעם גייסטיגען לעבען פֿון מענשען. מאַנכע ווילען זאָגאַר האָבען, אַז דיא נשמה האָט אויסשליסליך צו טאָהן מיט דעם גייסטיגען לעבען, ווערהענד דער רוח האָט צוא טאָהן בלויז מיט דעם פֿיזישען לעבען.

דיא נשמה איז אַ ״חלק אלוה ממעל״ — אַ טהייל פֿון

גאָט. איידער דיא נשמה ווערט אַריינגעטהאָן אין קערפּער האַלט זיא זיך אויף אונטער גאָט'ס כסא הכבוד, וואו זיא גע- ניסט פֿון אַלע העכערע פֿאַרגעניגענס. אָבער דיא נשמה פֿיהלט זיך ניט גוט אין דיעזען צושטאַנד, ווייל זיא ווייס, אַז זיא האָט אַזאַ וואוילטאָג ניט פֿאַרדינט, אַז זיא איז אַ קעסט- קינד. דיעזע "נחמה דכסופא" — בעטעל ברויט — געפֿעהלט איהר ניט. נון, שיקט מען איהר אַראָב אויף דער וועלט, וואו זי זאָל זיך פֿאַרדינען איהר ברויט. האָט זיא געטאָהן אַלעס, וואָס מיא האָט איהר געהייסען, קומט זיא נאָכ'ן טוידט צוריק אויף איהר פלאַץ. אָבער שוין ניט אַלס ישיבה־בחור, וואָס עסט טעג, זאָנדערען אַלס בעל הבית, וועלכער בעצאָלט פֿאַר אַללעס. איז זיא אַראָב פֿון דרך הישר—איז דאָ אַ גהינום, וואו זיא ווערט אויסגעלייטערט.

דיא נשמה איז אַלזאָ, וויא עס איז צו זעהען, אַ פֿיעל העכערער וועזען וויא דער רוח, און ס'איז ניט מעהר וויא נאַטירליך, אַז נור דיעזע מענשען האָבען נשמות, וועלכע שטייען אין נאָהענטע שייכות מיט גאָט; דיא איבעריגע מענ- שען האָבען נור רוחות. איד'ן גלויבען, אַז נור זיי, דיא "אתה בחרתנו'קעס האָבען נשמות.

אין גאַנצען געפֿינען זיך נור זעקס הונדערט טויזענד נשמות *) (ששים רבוא) — דער צאָהל פֿון דיא אידען, ווען זיי זיינען ארויס פֿון מצרים. יעדע נשמה איז אַלזאָ געשטאַנען ביין באַרג סני און האָט אַליין געהערט וויא גאָט האָט אַרויסגעדונערט זיין תורה. דיעזע ערשטע הויפּט־נשמות גיבען אָב פֿון זיך נצוצים—פֿונקען — זאָ דאָס יעדער ניי־געבאָרע- נער קריגט אַ נצוץ פֿון אַ נשמה. דיא קבלה ספרים זיינען פֿול מיט בעהויפּטונגען פֿון מקובלים, אַז זייערע נשמות

*) עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז אין גאַנצען איז דאָ בלויז איין נשמה, דיא נשמה פֿון אדם הראשון, דיא איבעריגע נשמות זיינען נצוצים.

שטאַמען אָב פֿון אברהם אבינו'ס משה רבנו'ס] אָדער עהנ־
ליכע אַזעלכע גרויס אַרטיגע נשמות.

מיר איצטער, דורך דעם געוואַלדיגען פֿאָרטשריט פֿון
דער וויסענשאַפֿט, זיינען אימשטאַנדע צו בעהויפטען, אַז דאָס
וואָס מי רופֿט אָן נשמה, איז נור דיא סומע פֿון טהעטיגקייַ־
טען פֿון אונזערע געהירן, גרויסער מאַרך (Cerebrum), דיא
פֿיזיאָלאָגיע לערנט אונז, אַז דיא מענשליכע נשמה איז ניט
עטוואָס איבערנאַטירליכעס און זעלבסט שטענדיגעס, זאָנדערען
איז אַבהענגיג פֿון דיא זעלבע געזעצע, וואָס רעגולירען דיא
איבעריגע ערשיינונגען פֿון לעבען; אַז שכל איז נור אַ געוויסע
מאַניפֿאַסטאַציאָן פֿון שטאָף, פֿון יענע גראַדע געהירען־
צעלען.

דיעזע בעהויפטונג פֿון דער פֿיזיאָלאָגיע ווערט באַשטעֿ־
טיגט פֿון דער פּאַטאָלאָגיע. מיר וויסען אַז ווען געוויסע
טהיילען פֿון אונזער געהירען ווערען איבערגעפֿיהרט פֿון
קראַנקהייט, זאָ דאָס יענע גראָע געהירען צעלען ווערען פֿאַרֿ־
ניכטעט, ווערט פֿערשווינדען דיא טהעטיגקייט פֿון יענע טהייֿ־
לען. אויב דיא קראַנקהייט איז אין דעם צענטער פֿון ריידען,
וועט דער קראַנקער ניט קענען ריידען; אויב דאָס איז אין
צענטער פֿון זעהן אָדער הערען, וועט דער קראַנקער ניט
זעהען אָדער ניט הערען א. ז. וו. א. ז. וו. דאָ מאַכט דיא
נאַטור אַליין עקספערימענטען, אום צו איבערצייגען וויא ענג
פֿאַרבונדען עס זיינען אונזערע גייסטיגע טהעטיגקייטען מיט
דעם שטאָף פֿון וועלכען אונזער געהירען באַשטעהט.

דיעזע אַנזיכט איבער דעם חאַראַקטער פֿון דער מענש־
ליכער נשמה איז נאָך אפילו ביז היינטיגען טאָג בלויז דאָס
אייגענטהום פֿון זעהר, זעהר וועניג מענשען. דיא מענשען
אַמאָהל וועלכע האָבען קיין שום ידיעה ניט געהאַט וועגען
דיעזע וויסענשאַפֿטליכע טהאַטזאַכען, האָבען געמוזט בעט־
ראַכטען דעם מענשען אַלס אַ דואַליסטישען וועזען, וואָס

באשטעהט פֿון קערפּער און גייסט, פֿון אַ פּראָסטען חומר און אַן עדעלע נשמה.

קאָם האָט זיך דער מענש בעשאַפֿען נשמות, וועלכע לעבען אייביג, וועלכע האָבען געלעבט פֿריהער און וועלען לעבען נאָכדעם, האָט ער נויטווענדיגער ווייזע געמוזט בע־שאַפֿען פֿיר זיי אויפֿהאַלטס־פּלעצער. דאָ פֿאַננט זיך אַלזאָ אָן דיא מעשה וועגען אַ גן עדן און אַ גהינום, וועגען וואָס מיר וועלעןריידען אין נעקסטען קאַפּיטעל.

3.

# גן עדן, און גהינום.

וויא מיר האָבען געזעהען אין פֿאָריגען קאַפּיטעל, בעטראַכט ניט דער אונציוויליזירטער מענש דעם טוידט אַלס דעם לעצטען אקט פֿון לעבען. לויט זיינע אנזיכטען, שטאַרבט אָב מיט דעם טוידט נור דער זיכטבאַרער טהייל פֿון מענשען, דער קערפּער, דער אונזיכטבאַרער טהייל אָבער, דער רוח אָדער דיא נשמה, עקזיסטירט לעבט ווייטער. דער טוידט איז אַלזאָ נור אַ צושיידונג, אַ געוואַלטזאַמע צושיידונג, צווישען דיעזע ביידע טהיילען פֿון מענשען.

וואָס פּאַססירט אָבער מיט דיעזע ביידע טהיילען נאָכדעם, וויא זיי זיינען צושיידט געוואָרען? ווייסען זיי איינער פֿון דעם אַנדערען? עקזיסטירט נאָך צווישען זיי אירגענד וועלכע פֿערבינדונג? זיינען זיי איבערהויפּט בעוואוסט פֿון זייער עקזיסטענץ?

דאָס זיינען דיא פֿראַגען, וועלכע האָבען בעשעפֿטיגט די גרעסטע מענשליכע מוחות אין פֿערלויף פֿון טויזענדער יאָהרען, און האָבען ניט געלאָזט רוהען אויך אוניערע האלב-ווילדע אור עלטערען.

און דיא מענשען האָבען זיך פֿערענטפֿערט דיזע פֿראַגען אַזוי גוט אָדער אַזוי שלעכט וויא זיי האָבען געקענט, וויא זיי האָבען זיך אַליין פֿערשטאַנען אין זייער אייגענעם לעבען.

דיעזע פֿראַגען זיינען געווען אינטערעסאַנט ניט נור פֿון אַ ריין פֿילאָזאָפֿישען קוק, זיי האָבען אויך געהאַט אַ גרויסע געזעלשאַפֿטליכע בעדייטונג: עס האָט נעמליך געראַפֿט ענטשיעדען ווערען דיא געוואַלדיגע פֿראַגע פֿון "צדיק רע לו, רשע וטוב לו" — וויא קומט עס, וואָס גוטע און עהרליכע מענשען זיינען אויף צרות, ווערענד שלעכטע מענשען לעבען אַ גוטען טאָג און האָבען פֿון כל טוב? דיזע שרעקליכע אונגערעכטיגקייט אין דער וועלט-פֿיהרונג האָט עמפּערט דעם גערעכטיגקייטס-געפֿיהל פֿון מענשען, און דער מענש האָט געפֿונען אַן אויסוועג אין דעם גן עדן און גהינום. דער גוטער און עהרליכער מענש, וועלכער איז דאָ נעבעך אויף גרויסע צרות, וועט זיך זיטצען אין גן עדן, וואו ער וועט געניסען פֿון אַל דאָס גוטס, ווערענד דער רשע וועט האָבען אויסצושטעהן דיא גרויזאַממע שמערצען אין גהינום.

דיא עקאָנאָמישע אונגלייכהייט וואָס האָט עקזיסטירט צווישען מענשען פֿון איין זייט און דיא אונוויסענהייט פֿון דער אַנדערער זייט, ה.אָבען געשאַפֿען אַ גן עדן מיט אַ גהינום.

און דער גן עדן מיט'ן גהינום, וואָס דיא מענשען האָבען זיך אויסגעמאָלט, זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט זייער גייסטיגער ענטוויקלונג. וואָס העכער און ענטוויקעלטער דעם מענשענס שכל איז געוואָרען, אַלץ עדעלער איז געוואָרען זיין בעגריעף פֿון גן ערן און גהינום.

און איצטער האָבען מיר פֿאַרשיעדע:ע גן עדן'ס און גהינום'ס. אָט כאַפּט אָן למשל אַ פֿערציייטיגען אידעל, וואָס וויס ניט פֿון חכמות און גיט איהם אַ פֿרעג, וואָס טהוט זיך אין גן עדן. ער וועט אַייך ענטפֿערען, אַז אין גן עדן זיטצען אַלע צדיקים אויף גין־גאָלדערנע טישען און מען רייבט אריין אַ שטאַרקע סעודה. מען עסט אַ גוטע שטיקעלע פֿיש פֿון לויתן אַליין; דאַן קריגט מען א מנה יפה פֿון שור הבור, ועל כולם קריגט מען אַ גוטע כוסה פֿון אמת'ן "יין המשומר." דער גהינום איז ביי אַזאַ אידען אַ פלאַץ, וואו דיא רשעים ווערען געלייטערט אין פֿייער, און אַ פֿייער וועלכער איז פֿיעל הייסער, וויא אונזער פֿייער.

אַ איד, וועלבער איז מעהר אָדער וויינינגער "פֿילאָזאָפֿיש" געזואָנען וועט אייך ערקלעהרען, אַז מען מיינט ניט חס ושלום דברים כפשטם, דאָס אין גן עדן וועט מען עסען און טרינ־קען, אין גן עדן וועלען זיטצען אַללע צדיקים און לערנען תורה, דערגיין אַללע סודות פֿון דער תירה, "זיי וועלען הנאה האָבען פֿון דער לויטערקייט פֿון דער שכינה" (נהנה מזיו השכנה). דיא רשעים וועלען דערצו ניט צוגעלאָזען ווערען, און דאָס איז שוין גענוג גהינום.

דיעזער פֿערפֿיינערטער געדאַנק פֿון אַ גן עדן און אַ גהינום איז אַ פראָדוקט פֿון אַ פֿיעל שפעטערע צייט, אָבוואָהל אין תיך איז ער פונקט אַזוי אונזיניג, אויב נאָך ניט מעהר, וויא דער מאַטעריאַליסטישער גן עדן און גהינום.

אין אָנפֿאַנג גלויבט דער מענש אין אָ מאַטעריעלען גן עדן, וואו עס וועט זיין וואָס צו עסען און טרינקען, ווייל ער גלויבט באמונה שלמה, אַז גוף און נשמה קומען דאָרטען דאָרטען צוזאַמען ווידער, און דער גוף דאַרף טאַקע האָבען וואָס צו אכלע'ן. דיעזער גלויבען איז נאַריש און אונמעגליך, אָבער ער איז וועניגסטענס לאָגיש אין דער נאַרישקייט: דער גוף און דיא נשמה זינדיגען צוזאַמען, וואָרום זאָלען זיי ניט

קריגען דעם שכר צוזאַמען? דער גוף מיט דער נשמה צוזאַ־מען שטעלען מיט זיך פֿאָר אַ וועזען וואָס דאַרף עסען און טרינקען און האָט נאָך אַנדערע בעדירפֿעניסע, טאָ וואָס פֿיר אַ גן עדן וועט עס זיין, וואו דאָס אַללעס וועט ניט זיין?

קוים האָט דיא מענשליכע פֿאַנטאַזיע בעשאַפֿען אַ גן עדן מיט אַ גהינום, האָט זיא אויך גענומען צום אויסאַרביי־טען אַ גאַנץ געניויעס פלאַן מיט אַללע איינצעלהייטען וועגען דיזע אויפֿהאַלטונגס פלעטצער פֿון דיא מוידטע. דאָס איז געוועזען אַ נויטהיגע פֿאָלגע פֿון אַ לאָגישען געדאַנקען־גאַנג. עס זיינען פֿערהאַנדען גרעסערע און קלענערע צדיקים, גרע־סערע און קלענערע רשעים, און ס'איז דאָך דאַרום אונמעגליך אַז אַללע צדיקים זאָלען האָבען איינע און דיזעלבע תענוגים און אַללע רשעים זאָלען האָבען איינע און דיזעלבע יסורים.

ערפֿינדעריש וויא דער מענשליכער גייסט איז, האָט ער זיך אויסגעאַרבייט אַ גהינום, וועלכען גאָט אליין וואָלט אסור געקענט מאַכען ש־עקליכער, ווען דער גרויסער פאָעט דאַנטע האָט אָבגעמאָלט דעם גהינום, האָט ער עס נור קאָפּירט פֿון מאַנכע פֿון דיא הייליגע ביכער, וואו עס געפֿינען זיך אַללע שוידערליכע איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען אין גהינום. דאַנטע'ס גהינום איז אַ גן עדן אין פֿערגלייך מיט דעם העכסט אינקוויזיטאָרישען גהינום פֿון "ראשית חכמה" צ. ב. ש. און דער "חכם" פֿון "ראשית חכמה" האָט עס אויך ניט אויסגעטראַכט: ער האָט עס צוזאַמענגעקליבען פֿון תלמוד, מדרשים און דעם זוהר זיינען נאָך אויך ניט דיא אָריגינעלע מאַכערס פֿון גהינום. זיי האָבען עס געבראַכט פֿון פֿריהער־דיגע צייטען און פֿון אַנדערע פֿעלקער. דיא מערקווירדיגע עהנליכקייט אין דיא אַנשויאונגען און אַבערגלויבענס פֿון אַללע פֿעלקער איז נאָך מיין מיינונג איינע פֿון דיא שטאַרק־סטע בעווייזע פֿיר דער איינהייט פֿון דער מענשליכער ראַססע.

אָט וויא דיא אַלטע אינדיער בעשרייבען דיא פּאססי-
רונגען נאָכ'ן טוידט: "ווען דער מענש ווערט קראַנק און
דאַרף שטאַרבען, שיקט דער גאָט ד אָ מ אָ אַרויס צוויא מל-
אכי-חבלה דאַרפֿען פֿריהער בעזינען דעם גאָט ו ו י ש נ אַ,
וועלכער, וויל מאַכען געזונד דעם קראַנקען. ווען דער מענש
איז שוין טוידט, פֿיהרט מען איהם אין אָבגרונד, דיא טיהר
פֿון וועלכען געפֿינט זיך ביין אָנפֿאַנג פֿון דעם הייליגען טייך
ג אַ נ ג ע ס. מען פֿיהרט איהם דורך דיא זיבען טהירען פֿון
גהינום. וועלכע קריגען פֿייער פֿון זיבען ברענענדיגע שלאַנגען.
דאַן קומט ער אין גאָר דיא אונטערסטע מדורה, וועלכע
הייסט ר אַ מ אָ ל י ו ק אַ, וואו דער גאָט דאָמאָ, האַלט זיך
אויף. דיזער זיצט אויפֿ'ן שור הבר, ביין זייט שטעהן צוויי
שרעקליכע הינט. אויף זיין ברוסט היינגען דריי טוידטען קעפּ,
אין זיינע אַבט הענד האַלט ער אַלערליי שרעקליכע כלי-זין.

נון, פֿאַנגט מען אָן איבערצוקוקען דיא מעשים פֿון דעם
פֿערשטאָרבענעם. איז ער געוועזן אַ צדיק, פֿליהט ער גלייך
אַרויף אויפֿ'ן הימעל, און לעבט גליקליך אין גן עדן; איז ער
אָבער געוועזן אַ רשע, נעהמען איהם דיא מלאכי הבלה גלייך
אין גהינום אַריין.

אין גהינום זיינען דאָ איין און צוואַנציג אָבטהיילונגען,
וואו יעדער זינדער קריגט זיך זיין שטראָף. אַ גרויסער יצר-
הרע-ניק, וואָס האָט זיך צופֿיעל אַריינגעלאָזען מיט ווייבער,
ווערט אַריינגעוואָרפען אין דיא אַרמען פֿון ברענענדיגע
קופּערנע פֿרויען-פֿיגורען; גרויסע בעל-תאוה-ניקעס וואָס האָ-
בען זיך אָבגעגעבען מיט צופֿיעל עסען, קאָרמעט מען מיט
שאַרפֿע שטיינער און שפּיציגע שערבלאַך; קאַרגע, וועלכע
האָבען געזשאַלעוועט זייער גאָלד און זילבער; מוזען טרינ-
קען צושמאָלצענע גאָלד און זילבער; פֿוילענצער ליגען זיך אין
אַ בעט און איבער זייערע קערפּערס ליגען טויזענדער
פּיאַווקעס. וועלכע שמאָקצען זייער בלוט א. ז. וו.

עהנליכע שילדערונגען פֿון גהינום געפֿינט מען בייא אַללע אַלטע און אויך ביי דיא נייע פֿעלקער.

) פונקט וויא דער גהינום, אַזוי ווערט אויך דער גן ערן געשילדערט מיט אַללע איינצעלהייטען, אָבער וועגען דעם געגענשטאַנד וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידען:

4.

# כשוף.

אונוויסענד און ערפֿאַהרען וויא אונזערע אור־עלטערען זיינען געוועזן, ניט האָבענדיג קיין בעגריעף פֿון דער אַרומיגער נאַטור און וועגען די נאַטירליכע ערשיינונגען איז נאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זייא זיינען געוועזן גענייגט צו זעהען ניסים און מופתים אין דיא גאַנץ געוועהנליכסטע ערשיינונגען, וועלכע זיי האָבען ניט פֿערשטאַנען. דיא וועלט, וועלכע האָט זיך ענטדעקט צוא זייערע חושים, האָבען זיי ניט בעגריעפֿען, איז געוועזן פֿיר זיי אַ געהיימניס, זיי האָבען זיך דאַרום בעשאַפֿען אַ נייע וועלט, אַ וועלט וועלכע איז בעשטאַנען איבער זייערע חושים אום דערמיט צו ערקלעהרען דאָס, וואָס זיי האָבען ניט פֿער־שטאַנען. זיי האָבען זיך בעשאַפֿען אַן אונזיכטבאַרע וועלט, וועלכע האָט זיי כלמרשט ערקלעהרט דיא זיכטבאַרע. אויף אַ וויילע האָבען זיי אויף אַזאַ אופֿ'ן פֿערשלעפֿערט זייער אונרוהיגען גייסט, וועלכער האָט געזוכט, געפֿאָרשט, געוואָלט וויססען.

און יענע אונזיכטבאַרע וועלט האָבען זיי אָנגעפֿיהלט

מיט פֿערשיעדענע אונזיכטבאַרע וועזענס, גוטע און שלעכטע: גוטע, וועלכע ברייננגען אַל דאָס גוטס פֿיר דעם מענשען, און שלעכטע, וועלכע בריינגען איהם אַללע יסורים און ענויים. יענע אונזיכטבאַרע וועלט, אָבוואָהל זיא איז אין בעגריעף העכער אַלס דיעזע זינדיגע וועלטעל, איז אָבער דאָך ניט מעהר וויא דער טפֿל, וויל איהרע בעוואָהנער האָבען דאָך קיין אַנדער עבודא ניט וויא נור זיך צו בעשעפֿטיגען מיט דעם מענשען, וועלכער איז דער עיקר. דא זעהט איהר דעם גאַנצען נאַרישען עגאָאיזמוס פֿון דעם מענשען, וועלכער בעטראַכט זיך אַלס דעם מיטטעל פּונקט פֿון דער גאַנצער שעפּפֿונג אַפֿילו דאַן, ווען ער אַנערקענט אַליין זיין הילפֿלאָזיגקייט און שוואַכקייט.

קאָם האָט זיך דער מענש בעשאַפֿען אַזאַ וועלט, בעזעצט מיט גוטע און שלעכטע אונזיכטבאַרע וועזענס, האָט ער גענומען זוכען מיטלען, וויא אַזוי צו קומען אין נעהענטערע בעציהונגען מיט יענע וועזענס, וויא אַזוי צוא מאַכען, אַז מען זאָל קענען מיט זיי אונטערהאַנדלען. און אַזעלכע אונטערהענדלער אָדער פֿערמיטלער צווישען דיא זיכטבאַרע און אונזיכטבאַרע וועלטען האָבען זיך באַלד געפֿונען. מאַנכע פֿון דיעזע פֿערמיטלער האָבען ווירקליך געגלויבט אין זיך, אין זייער קראַפֿט צו ווירקען אויף דיא אונזיכטבאַרע וועזענס; אַנדערע דאַגעגען האָבען אויסגענוצט דיעזען גלויבען אום צו בעשווינדלען דעם עולם. דיעזער גלויבען האָט אַלזאָ געעפֿענט אַ ברייטען פֿעלד פֿון איין זייט פֿיר נאַרען און גייסטעס־קראַנקע און פֿון אַנדערען זייט פֿיר שאַרלאַטאַנעס און שווינדלער.

דיא יעניגע מענשען, וועלכע זיינען געוועזען די אונטערהענדלער מיט דיא גוטע וועזענס זיינען עס געוועזען דיא הייליגע, דיא בעל שמות. זיי האָבען מיט דער הילף פֿון דיא גוטע גייסטער געבראַכט לעבען, און געזונד, און פרנסה;

דיא וועלכע זיינען געשטאַנען אין פֿערבינדונג מיט דיא שלעכ־טע וועזענס זיינען עס געוועזען דיא מכשפים, וועלכע האָבען מיט דער הילף פֿון דיא בייזע גייסטער געבראַכט אַלערלייא צרות און קראַנקהייטען אויף דיא מענשען. כשוף איז אַלזאָ דיא קראַפֿט פֿון אַ מענש צו טאָהן עטוואָס איבערנאַטירליכעס דורך דער הילף פֿון דיא בייזע גייסטער.

דיעזער גלויבען אין כשוף איז פיר לאַנגע יאָהר־טויזענ־דע געוועזען פֿעסט איינגעוואָרצעלט ביין מענשען, און ערסט דיא נייעסטע צייט, וועלכע האָט, דורך דעם געוואַלדיגען פֿאָרטשריט פֿון דער נאַטור־וויססענשאַפֿט, געזוכט צוא מאַכען אַן ענדע צום גלויבען און איבערנאַטירליכעס איבער־הויפט, ערסט דיא נייערסטע צייט איז עס געלונגען דיעזען גלויבען אָבצושוואַכען, אויב ניט אויסצוראָטען.

וויא אַזוי אָבער קען אַ מענש קומען אין פֿערבינדונג מיט דיא בייזע גייסטער? דאָס איז אייגענטליך אַ סוד, וועלכען נור דיא מכשפים אַליין וויסען און גיבען עס איבער צו זייערע תלמידים, אָבער דיא מענשען האָבען דאָך גע־פרובירט אויסצוגעפינען דיעזען סוד, און אַלס אַ רעזולטאַט זיינען אויסגעוואַקסען פֿערשיעדענע ווילדע צערעמאָניען, אַללערהאַנד אונמעגליכע זאַכען, וואָס מוזען געטאָהן ווערען פֿריהער איידער מען קריגט אירגענד וועלכע פֿערבינדונג מיט דיא בייזע גייסטער.

דער מכשף האָט געמוזט זיין אין בעזיטץ פֿון עטוואָס אַזעלכעס, וואָס זאָל איהם פֿערבינדען מיט דיא גייסטער. דיא "תרפים," וועלכע זיינען רערמאָנט אין דער ביבעל, זיינען געוועזען אַזאַ מין עטוואָס, אָט וויא זיי ווערען געמאַכט: "מען טוירטעט אַ בכיר בן בכרו; מען נעהמט אַרויס די גערהירען פֿון קאָפּ און מען בעשיט עס מיט זאַלץ און בוים־אויל און דאַן לויגט מען עס צוריק אריין אין קאָפּ. ענדליך לייגט מען אָוועק אַ שטיקעל גאָלד אונטער דעם צונג פֿון דעם

געטוירטעטען" איצטער וועט שוין דער קאָפּ זאָגען אַלץ, וואָס מען וועט איהם פֿרעגען.

פונקט וויא דיא הייליגע בעל־שמות קומען צוא זייער הויכע מדרגה דורך דעם, וואָס זיי דינען צו גאָט מיט'ן גאַנ־צען האַרצען, זאָגען איהם שירים ותשבחות. אזוי קענען אויך דיא מכשפים קומען אין פֿערבינדונג מיט'ן שטן און דיא בייזע גייסטער נור דורך דעם, וואָס זיי דיענען צום שטן און זאָגען איהם שירים ותשבחות, נון, גיט עס טאַקע אַ שטן־עבודה און פֿערשיעדענע שטן־טענץ.

ביי אַ שטן־טאַנץ זיינען אויך דאָ כלי־זמר: אַ פֿידעל פֿון אַ פֿערדישע קאָפּ; אַ האַרפּען פֿון אויסגעטריקענטע רינד־ביינער; אַ טראָמפּעט פֿון אַ קראָקאָדיל, און דער שטן אַליין באַמקעט אונטער מיט זיינע נאָזלעכער.

דיא מכשפים זיינען מקריב קרבנות צום שטן פונקט, וויא דיא פֿרומע פֿלעגען מקריב זיין קרבנות צום רבונו של עולם דעם שטן'ס אַ קרבן איז אַ שוואַרצער האָהן, וועלכער ווערט געשאָכטען מיט גרויס צערעמאָניע.

דיעזער נאַרישער גלויבען אין כשוף האָט געקאָסט דעם לעבען פֿון טויזענדער און טויזענדער אונשולדיגע מענשען אַלטע און יונגע, מענער און פֿרויען, הויפּטזעכליך די לעצטע דער ווילדער המון איז געווען געוויגט צו זעהען די אַרבייט פֿון מכשפים אין אירגענד וועלכען אונגליק, וואָס האָט גע־טראָפֿען. על כל צרה שלח תבא, האָט אַ מגפה אויסגעבראָ־כען אויף מענשען־אָדער בהמות, איז געווען אַ הונגער, אַ פֿייער, אַ פֿערפֿלייצונג — אין אַלעם דעם זיינען שולדיג די מכשפים, וועלכע עס איז דאַרום אַ מצוה צו פֿערניכטען. און אַ מכשף איז געווען יעדער, וועלכער איז מיט זיין אויסזעהען, מיט זיין בענעהמונג געווען אַנדערש וויא דיא איבריגע, און האָט דאַרום ערוועקט געגען זיך אַ חשד, אַז ער שטעהט אין פֿערבינדונג מיט דיא ניט גוטע. דיא גאַנצע געשיכטע פֿון

מיטטעל־אַלטער איז פֿול מיט בלוטיגע קאַפּיטלען, וואו עס ווערען בעריכטעט פון מאַססען־היגריכטונגען פֿון דיעזע זאָגענאַנטע מכשפֿים.

דיא אמונה אין כשוף איז ביי אידען עבען אַזוי שטאַרק געווען ענטוויקעלט וויא ביי דיא אַנדערע פֿעלקער. די מצוה פֿון "מכשפֿה לא תחיה" — אַז קיין מכשפֿה זאָל מען ניט לאָזען לעבען — בעווייזט אַז דער ביבלישער געזעצגעבער האָט געגלויבט אין כשוף, איז געווען זיכער אין דער עקזיס־טענץ פֿון מכשפֿים. נור ער האָט זיי געהאַלטען פֿיר געפֿעהר־ליכע מיטגליעדער אין דער געזעללשאפֿט און האָט זייא געהייסען טוידטען. ער האָט געגלויבט אין זייער קראַפֿט צו טאָהן שלעכטעס און האָט געזוכט פֿון זיי לויז צו ווערען. אין דיעזען הינזיכט איז ער געשטאַנען ניט נידריגער און ניט העכער פֿיר דיא ווילדע קריסטליכע פֿאַנאַטיקער פֿון מיטטעל־אַלטער, וועלכע האָבען געברענט דיא מכשפֿים און מכשפֿות. עס קען נור איינפֿאַלען אַ "משכיל" צו געהמען דיעזען געזעטץ פֿון מכשפֿה לא תחיה" אַלס אַ בעווייז, אַז משה רבונו האָט ניט געגלויבט אין כשוף.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם תלמוד איז ער פֿול מיט אַלערליי כשוף. נאָך מעהר, דער תלמוד בעהויפטעט זאָגאַר, אַז מע קען איינעם ניט אריינגעהמען אין סנהדרין סיידען ווען ער וויים דיא פֿינסטערע חכמה, דיא חכמה פֿון כשוף.(*)

דיא פֿערפֿאָלגונגען געגען די מכשפֿים און מכשפֿות זיינען ביי אידען, ווען זיי האָבען געהאַט זייער אייגענע מלוכה, געווען עבען אַזוי ערביטערט און גרויזאַם וויא ביי דיא קריס־טען אין מיטטעל־אַלטער. אין תלמוד ווערט דערצעהלט, אַז ר' שמעון בן שטח האָט אין איין טאָג אויפֿגעהאַנגען אַכטציג מכשפֿות, אַזאַ צווייטען האָלסייל־הריגה פֿון

(*) אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי חכמה ובעלי כשפֿים (סנהדרין י"ז)

מכשפות אין איין טאָג איז שווער צו געפינען אפילו ביי דיא קריסטען אין מיטטעל-אַלטער.

פֿון תלמוד איז עס אַריבער אין דיא פוסקים, וואו עס געפֿינען זיך דינים, מנהגים, וויא זיך אויסצוהיטען פֿון דיא מכשפים און זייער פֿערדערבענדע ווירקונג. צווישען דיא אַלע פוסקים געפֿינט זיך איינער, וועלכער ערלויבט זיך אויסצולאַכען פֿון גאַנצען כשוף, דיעזער איז דער רמב"ם, וועלכער איז אויך אין פֿיעלע אַנדערע הינזיכטען געווען פֿאָראויס פֿון זיין צייט.

אין נעקסטען קאפיטעל וועלען מיר זיך גענויער, אָבשטעלען אויף דעם פראַקטישען כשוף

5.

# פערשיעדענע סארטען כשוף.

וויא מיר האָבען עס גענויער ערקלעהרט אין פאָריגען קאַפּיטעל בעשטעהט כשוף אין דעם, וואָס איינעם איז מעגליך, דורך דיא הילף פון שטן און דיא אונריינע כוחות, צו טאָהן עטוואָס איבער דער טבע, אויפצוטאָהן אַ וואונדער. דיא מכשפים זיינען אַלזאָ געשטאַנען אין פערבינדונג מיט דעם שטן, וועמעס טרייע דינער זיי זיינען געוועז. כשוף איז דיא פרוכטבאַרע מוטטער, וועלכע האָט געבאָרען פילע טעכטער. דיעזע טעכטער האָבען נאָך פיעל מעהר אַלם דיא מוטער גופא בייגעטראָגען צו דער אויפהאַלטונג און פערפלאַנצונג פון אַללערהאַנד נאַריש־קייטען ביין עולם.

אין דיעזען קאַפּיטעל וועל איך אין קורצען פרובירען איבערגעבען דיא פערשיעדענע סאָרטען כשוף, וועלכע זיינען בשום אופן ניט קיין ספעציאַליטעט פון דיא מכשפים, זאָנ־דערען ווערן פראַקציטירט פון גאַנצען עולם:

## 1) דער גורל.

דער גורל איז אַ גאַנץ אַלטע איינריכטונג, און איז געווען פֿאַרשפּרייט ביי אַללע אַלטע פֿעלקער, דורך דעם גורל־וואַרפֿען האָט איינער געקענט וויסען וואָס עס וועט מיט איהם פּאַססירען אין דער צוקונפֿט, צו וועט ער זיין רייך אָדער אָרעם, צו וועט ער הייראַטען גליקליך וכדומה אַזעלכע זאַכען. דורך דעם גורל האָט אויך געקענט בעששימט ווערען ווען אַ געוויסע זאַך זאָל געטאָהן ווערען און אויב עס וועט גליקען! אָבער ניט נור אין דעם לעבען פֿון דעם איינציגען מענשען האָט דער גורל געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, זאָנדערען אויך אין דעם לעבען פֿון גאַנצע פֿעלקער: אַזוי איז צום ביישפּיעל דאָס לאַנד כנען איינגעטהיילט געוואָרען צווישען דיא שבטים דורכ'ן גורל.

ביי דיא איינוואָהנער פֿון דרום זייט כינא געפֿינט זיך אין זייערע הייליגע הייזער אַ כלי מיט פֿיילען אויף וועלכע עס זיינען אָנגעצייכענט פֿערשיעדענע בוכשטאַבען, און ווען איינער וויל עטוואָס וויסען, הויבט ער אויף דיא כלי און וואַרפֿט אַרויס איינציגע פֿיילען. אין דיא בוכשטאַבען געפֿינט ער זיין ענטפֿער.

דיעזער גורל־וואַרפֿען מיט דיא פֿיילען איז אויך געווען ביי דיא אַראַבער; ביי דיא כאלדעער און אַנדערע. פֿילייכט איז דיא מעשה מיט דוד און יהונתן, וואָס זיי האָבען געוואָרפֿען דיא פֿיילען אייך געווען אַזאַ מין גורל־וואַרפֿען.

## 2) דער שאַטען.

פֿיר דעם אונוויסענדען מענשען איז דער שאַטען, זיין איינענער שאַטען, געווען איינער פֿון דיא מערקווירדיגסטע געהיימניסע. ער זעהט וויא עטוואָס אַזעלכעס בעגלייט איהם שטענדיג, אַמאָל איז ער פֿון פֿאָרענט, אַמאָל פֿון הינטען, אַמאָל גרויס און אַ מאָל קליין, און דאָך האָט עס קיין ממשות ניט, ער קען עס ניט אָנטאַפּען מיט דיא הענד. ער ווייס ניט

דיא געזעטצע פֿון אָפּטיקס, און פֿאַר איהם בלייבט אַ גע־
היימניס דיזע זאָנדערבאַרע ערשיינונג פֿון שאַטען. מאַנכע
פֿאָרשער ווילען האָבען, אַז דאָס איז געווען רער שאָטען, וועל־
כער האָט דעם מענשען צום ערסטען געטריבען צו טראַכטען,
אַז ער איז אַ דואַליסטישער — אַ דאָפּעלטער — וועזען. וויא
דיא זאַך זאָל ניט זיין, איינס איז זיכער, אַז מענשען האָבען
זיך געשראָקען פֿיר זייער שאַטען, איבערהויפּט ווען זיי האָבען
איהם ניט געזעהען. זיי האָבען געברויכט כשוף מיט'ן שאַטען.
מאַנכעס פון דיעזע כשוף מיט'ן שאַטען זיינען נאָך גע־
בליבען עד היום. פֿרומע אידען גלויבען, צ. בש., אז ווען
איינער זעהט ניט זיין שאַטען אום הושענא־רבא ביי נאַכט,
וועט ער שטאַרבען אין פֿערלויף פֿון יאָהר. עס געפֿינט זיך אַ
בעהויפּטונג אין זוהר, אַז דרייסיג טעג איידער דער מענש
שטאַרבט, געהט אוועק פֿון איהם זיין שאַטען.

3) דיא נעגעל.

דיא נעגעל פֿון דיא פֿינגער איז אויך געברויכט געוואָ־
רען אַלס אַ כשוף. אַז עס בעווייזט זיך אַ ווייסער פֿלעק אויף
אַ נעגעל איז א סמן, אַז מען וועט זיך בענייען; פֿיר אַנדערע
דאַגעגען איז עס אַ סמן, אַז דער מענש איז זינדיג: "דיא
עברות בליעהען."

די נעגעל זיינען אונריין, דער רוח הטומאה רוהט אויף זיי און
מען דאַרף אָבגיסען "נעגעל־וואַססער." אין אָבשניידען דיא
נעגעל דאַרף מען היטען אַ געוויסען סדר; מען דאַרף זיי שניידען
"בסירוגים".

דיא אָבגעשניטענע נעגעל טאָר מען ניט אַוועקוואַרפֿען;
מען דארף זיי פֿערברענען אָדער בעגראָבען אין דער ערד.
ווען אַ שווייגגערע פֿרוי טרעט אַרויף אויף אַ נעגעל איז זיא
מפיל, פֿילייכט האָט דער קוקען אויף דיא נעגעל ביין הבדלה
מאַכען שבת צו נאַכט אויך צו טאָהן מיט דיעזען נעגעל כשוף.

4) כשוף מיט צאָהלען.

דיא צאָהלען האָבען זייט לאַנגע יאָהר־טויזענדע געש־
פּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין כשוף. עס זיינען דאָ גליקליכע
און אונגליקליכע צאָהלען. אַ גראָד־צאָהל — "זוגות" — איז

ניט מזל'דיג, ווייל שרים האָבען דיא שליטה איבער אַזאַ צאָהל. דער צאָהל צעהן איז אויך אַ שלים-מזל'דיגער, און די אַלטע פערזיער האָבען געגלויבט, אַז אַם צעהנטען פון יעדען טאָגאַט האָבען אַלע בייזע גייסטער שליטה איבער'ן מענשען.

ביי דיא קריסטען איז דער צאָהל דרייצעהן זעהר געפעהרליכער, און עס איז אַ פעסטער גלויבען ביין עולם, אַז ווען דרייצעהן מענשען זיטצען ביי אַ מאָלצייט, מוז דער אינגסטער שטאַרבען אין פערלויף פון דעם יאָהר. דיעזער גלויבען איז איינגעוואָרצעלט זאָגאַר ביי מאַנכע געלעהרטע, און עס ווערט דערצעהלט פון אַ געלעהרטען אַסטראָנאָם, וועלכער איז געשטאָרבען פון שרעק נאָכדעם וויא ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז געוועזען דער דרייצעהנטער ביי אַ מאָלצייט.

## 5) כשוף מיט פסוקים.

אַן אַלגעמיינער פערשפרייטעטער כשוף איז מיט פסוקים פון תנ"ך. ווען יעמאַנד וויל וויססען וואָס עס וועט מיט איהם פאססירען, דאַרף ער אויפבלעטערען אַ תנ"ך, און דער ערסטער פסוק וואָס פאַלט איהם אַריין אין אויג ווערט אויסגעטייטשט לויט דער פראַגע. דאָס ווערט פראַקטיצירט ניט נור אין דיא ליטווישע ישיבות, זאָנדערען אויך ביי קריסטען.

דער כשוף מיט פסוקים איז געוועזען שטאַרק פאַרברייט ביי אידען אויך אין דער תלמודישער צייט השכים ונפל פסוק לפיו הרי זה נבואה קטנה" — אַז יעמאַנד ערוואַכט פון שלאָף און עס פאַלט איהם אַריין אַ פסוק אין זינען איז עס אַ מין נבואה. אין תלמוד ווערט דערצעהלט פון פיעלע תנאים און אמוראים, וועלכע פלעגען אָנגעגנען קינדער אויפ'ן גאַס און זיי פרעגען אַ פסוק — "פסוק לי פסוקך" — און פלעגען עס בעטראַכטען אַלס אַ מין נבואה.

6) כשוף מיט פֿאַרשידענע פּאססירונגען.

אירגענד וועלכע בעגעבענהייט, וואָס איז געוועזן מעהר אָדער וועניגער אויסער געוואוינליך אָדער אונפֿערשטענדליך, האָט געדיענט אַלס אַ צייכען פֿון דיא גייסטער, אַז עטוואָס וועט טרעפֿען צו דיא מענשען. אַזעלכע צייכענס און סימנים געפֿינען זיך ביי אַללע אַלטע פֿעלקער, און זיי האָבען אַ בעדייטונג ניט נור פֿיר דעם לעבען פֿון דעם איינציגען, זאָנ־דערען פֿאַר דעם גאַנצען כלל.

איך וועל דאָ נור ברענגען וועניגע פֿון דיעזע זאָנדערבאַרע סימנים.

ווען אַ פֿרוי האָט געבאָרען אַ קינד, ווען עס פֿעהלט דער רעכטער אויער, וועט דער קעניג פֿון לאַנד האָבען לאַנגע יאָהר.

וועןביידע אויערען פֿעהלען, וועט זיין אַ אונגליק אין לאַנד.

ווען אַ קינד ווערט געבאָרען אָהן אַ רעכטען נאָז־לאָך וועט פּאססירען אַן אונגליק אויף דער וועלט.

ווען ער האָט אין גאַנצען קיין נאָז ניט, וועט דאָס לאַנד ווערען פֿעראונגליקט, און דעם קינדס פֿאָטער וועט שטאַר־בען.

ווען אַ טומטום ווערט געבאָרען, איז עס אַ סימן פֿון אונגליק ניט נור פֿון דער פֿאַמיליע זאָנדערען פֿיר דעם גאַנ־צען לאַנד.

ווען אַ קינד ווערט געבאָרען אָהן אַ רעכטע האַנד, וועט זיין איין ערד־ציטטערניש.

ווען אַ קינד ווערט געבוירען מיט דריי פֿיס, וועט זיין גרויס הצלחה אין לאַנד.

ווען אַ קינד ווערט געבאָרען מיט אַ באָרד, וועט זיין פֿיל רעגען.

אַזעלכע סמנים וועגען דעם געבורט פֿון אַ קינד, וואָס

איז ניט נאָרמאַל, געפֿינען זיך ביי דיא הונדערטער *) אָבער אויסער דיעזע געפֿינען זיך טויזענדער אַנדערע סמנים פֿון אַללער האַנד פאַססירונגען. אַזוי צום ביישפּיעל געפֿינט מען זיך אין תלמוד פֿערשיעדענע סימנים, וועלכע ווער'ן אָנגע־רופֿען "דרכי האמורי" "פֿונקען פֿליהען, ווערען געסט קומען," "אַ שלאַנג איז אַרויפֿגעפֿאַלען אויפֿ'ן בעט, איז דער בעל הבית פֿון דער בעט אַן אָרעמאַן, וועט ער ווערען רייך; איז ויא אַ שוואַנגערע פֿרוי, וועט זיא האָבען אַ איינגעל; איז עס אַ מיידעל, וועט זיא קריגען אַ גוטען התן."

אין דיא נעקסטע קאַפּיטלען וועלען מיר זיך דערצו צוריק אומקעהרען איבער דיעזען געגענשטאַנד.

*) Anomalies and Curiosities of Medicine.

6.

# מעדיצין און דאַקטאָרען.

איך האָב מיט אַ כיוו אַוועקגעשטעלט דיעזען קאַפּיטעל נאָך דיא קאַפּיטלען איבער כשוף און מכשפים, ווייל מעדיצין און כשוף, דאָקטאָרען און מכשפים האָבען געהאַט צווישען זיך אַ גאַנץ ענגען פערבאַנד, אַ נאָהענטע שיכות אין יענע אַלט-גרויע צייטען פון וועלכע מיר ריידען דאָ. דיא ערסטע דאָקטאָרען זיינען געוועזן מכשפים. און דיא מכשפים זיינען עס דיא אור-עלטערען פון דער היינטיגער וויסענשאַפטליכער מעדיצין דאָס דאַרף בשום-אופן ניט זיין קיין חרפה פיר דיא מעדיצין און מעדיקער פון היינט, ווייל דיא מכשפים זיינען דאָך געוועזן דיא איינציגע מענער דער וויסענשאַפט וויא זיא איז דאַמאָלסט פערשטאַנען געוואָרען.

ניט האָבענדיג קיין שום ידיעה, ניט פון דעם געבוי און ניט פון דיא פונקציאָנען פון דעם מענשליכען קערפּער, איז עס גאָר קיין חדוש ניט, וואָס אונזערע אור-עלטערען האָבען בעטראַכט קראַנקהייט אַלס עטוואָס איבערנאַטירליכעס,

אַלס עטוואָס אַזעלכעס, וואָס דאַרף אויפ׳ן נאַטירליכען וועג ניט פאַססירען, קראַנקהייט איז אַלזאָ אַ אונגאַטירליכע ערשיינונג, פֿעראורזאַכט פֿון איבערנאַטירליכע קרעפֿטע, פֿון די בייזע גייסטער, און מוז דארום געהיילט ווערען אויף אַן איבערנאַטירליכען וועג: דורך היילינע אָדער דורך מכשפים.

דיא גאַנצע מעדיצין איז דאַמאָלסט בעשטאַנען פֿון אַ זאַמלונג פֿון פֿערשידענע אָבשפרעכונגען, לחשים און השבעות. דער דאָקטאָר אָדער דער מכשף פֿלעגט גערופען ווערען צום חולה, און נון פֿלעגט זיך עס אָנפֿאַנגען פֿון אויגענגלאָנצענעס מיט פֿערשיעדענע פיוטים ביז דער קראַנקער פֿלעגט ענטוועדער געזונד ווערען אָדער זיך געזעגנען מיט זיין כשרה נשמה. מאַנכע פֿון דיא מכשפים פֿלעגען האַלטען זייערע אָבשפרעכונגען איבער אַ געוויסען געטראַנק, וועלכען דער חולה פֿלעגט דאַרפֿען אויסטרינקען, אום ענטוועדער ווידער אַמאָל צופֿעליגער ווייזע געזונד צו ווערען אָדער צוא שטאַרבען. דיעזער געטראנק פֿלעגט גאַנץ אָפֿט ענטהאַלטען אַזעלכע געווירצען אָדער קרייטיכער, וואָס זיינען ווירקליך געוועזען ניצליך פֿיר דעם קראַנקען: דאָס איז געוועזען דער אָנפֿאַנג פֿון דער שוין צופיעל ענטוויקעלטער "מאַטעריא מעדיקא" פֿון היינטיגע צייטען.

ביי דיא אַלטע כאַלדעער זיינען דיא גייסטליכע געוועזען דיא דאָקטאָרען. דיא "דאָקטאָריע" איז בעשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל דיא קראַנקהייט "אָבשפרעכען". פֿערטרייבען דעם בייזען גייסט דורך אַן "השבועה" מיט איינינע צעהנדליג יאָהרען צוריק האָט מען געפֿונען אַן אַלטען כאַלדעישען בוך, וועלכער האָט ענטהאַלטען אַכט און צוואַנציג פֿערשידענע "לחשים" געגען פֿערשיעדענע קראַנקהייטען.

אויך ביי היא אַלטע אידען זיינען עס די כוהנים — דיא גייסטליכע — געוועזען דיא דאָקטאָרען, וויא עס איז ליכט ארויסצוזעהען פֿון דיא דינים איבער קרעץ וואָס דיא כהנים

דאַרפֿען עקזאַמענירען און ערקלעהרען, אויב דיא קרעציגע זיינען געהיילט אָדער ניט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דיא כהנים, דיא הייליגע פֿערטרעטער פֿון גאָט, האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דער היילונג פֿון קראַנקע, האָבען דיא מכשפים, דיא אונרייגע פֿערטרעטער פֿון שטן, זיך אויך בעשעפֿטיגטמיט דער היילקונסט.

וויא עס ווייזט אויס, האָבען דיא לעצטע — די מכש־פים — געהאַט מעהר ערפֿאָלג אַלס דיא כהנים, דען וויא מען זעהט עס אַרויס פֿון פֿיעלע פלעצער אין דער ביבעל, האָבען זיי געהאַט אַ בעסערע קונדשאַפֿט אַלס דיא כהנים, עובדיה, דער קעניג פֿון ישראל האָט געשיקט נאָך דאָקטאָרען ווען ער איז קראַנק געוואָרען און ער האָט זיך ניט געקעהרט צו גאָט (צוא דיא כהנים,) אויף וואָס אליהו הנביא איז שטאַרק בייז געוועזען (מלאכים ב."א.) אַפֿילו דער פֿרומער קעניג פֿון יהודא אסא האָט אויך געשיקט נאָך דאָקטאָרען בשעת ער איז קראַנק געוואָרען, און דער שרייבער פֿון זיין געשיכטע קען דאָס איהם ניט מוחל זיין. נאכדעם וויא ער דערצעהלט וועגען אסא'ן אַז "ויעשה את הישר בעיני ה׳", לייגט ער צוא "וגם בחליו לא דרש את יהוה כי אם ברופאים" — און אויך ווען ער איז קראַנק געוואָרען האָט ער זיך געקעהרט צוא ראָקטאָרען און ניט צו גאָט.

דער בעסטער ערפֿאָלג פֿון דיא מכשפים אָדער דיא דאָקטאָרען אַלס פֿון דיא כהנים דאַרף ערקלעהרט ווערען דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך בענוצט אויסער מיט לחשים און השבעות אויך מיט געוויסע גראָזען, וואָס האָבען בעזעסען מעדיצינישע אייגענשאַפֿטען, דיא מכשפים האָבען עס געהאַל־טען פֿאַר זייער אייגענטהום און האָבען עס געהאַלטען אַלס אַ געהיימנים, כדי זיי זאָלען קענען מאַכען מעהר געלד דערפֿון. אין דער געשיכטע פֿון מעדיצין איז צו געפֿינען עהנ־ליכע ביישפילע פֿון דאָקטאָרען, וועלכע האָבען געהאַלטען

אין געהיים וויכטיגע ערפינדונגען, כדי זיי זאָלען מאַכען מעהר געלד. דיא פאַמיליע טשעמבערלען (Chemberlen) צ. ב. ש. געהאַלטען אין געהיים דיא ערפינדונג פון דיא געבורסט־צוואַנגען פיר גאַנצע צוויי הונדערט יאָהר. טויזענדער קינד־בעטאָרענס און צעהנדליגע טויזענדער עופ"לך זיינען אויף אַזאַ אויפן אומגעקומען, וועהרענד זייער לעבען וואָלט געקענט ווערען גערעטעט, ווען דיא מענשהייט וואָלט געוואוסט פון דיעזע אינסטרומענטען.

דיא מכשפים און שפעטער דיא דאָקטאָרען זיינען גע־וואָרען שטאַרקע קאָנקורענטען מיט דיא כהנים, און נון האָבען דיא לעצטע אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען די ערכטע. מען דאַרף ניט געהן צו אַ דאָקטאָר "כי אני ה' רופאיך."

ביי דיא אינדיער און עגיפטער זיינען אויך דיא כהנים געווען דיא דאָקטאָרען.

דיא גריכען האָבען געהאַט אַ בעזונדערען גאָט פון מעדיצין אונטער דעם נאָמען עסקולאַפ. דאָס איז געווען אַ חברה־מאַן מיט אַ הינטישע קאָפּ און דעם פנים פון אַ שלאַנג פיר דיעזען גאָט זיינען געבויט געוואָרען ספעציעלע טעמפלען, דאָס זיינען העכסט וואַהרשיינליך געווען געוויסע הייל־אַנש־טאַלטען.

דער פאָטער פון דער מאָדערנער מעדיצין, דער גרינ־דער פון דער נאַטירליכער, מען קען זאָגען וויססענשאַפטלי־כער מעדיצין, איז געווען דער גרויסער היפאָקראַטוס. ער האָט אַראָבגעריסען דעם דיקען שלייער אין וועלכע דיא מכשפים האָבען ביז דאַמאָלס געהאַלמען איינגעהילט דיא מעדיצין. האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַללע אָבערגלויבען, האָט גענומען זוכען נאַטירליכע אורזאַכען צוא דיא קראַנק־הייטען און געגעבען נאַטירליכע הייל־מיטלען.

אָבער באַלד איז אָנגעקומען דער מיטטעל־אַלטער, דיא מענשהייט האָט אַוועקגעוואָרפען דיא וועג, וועלכע היפא־

קראַטוס האָט איהם אָנגעצייגט. דיא מעדיצינישע וויססענשאַפֿט איז ווידער אריינגעפֿאַלען אין דיא הענד פֿון גלחים און רבנים, גוטע אידען און בעלי שמות, און איז פֿון דאָס נייע געוואָרען אַ פֿינסטערע וויססענשאַפֿט, אַ פֿינסטערע געהיימניס. אָנשטאָט צו זוכען נאַטירליכע אורזאַכען צוּא קראַנקהייטען און נאַטירליכע הייל-מיטטעל, האָט מען פֿון דאָס נייע אויפֿגעלעבט דאָס אַלטע און אָנגעגעבען דיא בייזע גייסטער אַלס דיא אורזאַכען פֿון אַללע קראַנקהייטען, וועלכע קענען געהיילט ווערען נור דורך השבעות און לחשים.

אין פֿערלויף פֿון דיעזע יאָהר הונדערטע איז עס געווען פֿערבּרעכענט פֿ״ר אַ פֿערברעכען צו געהן זיך היילען ביי אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געוואָלט היילען אויפֿ׳ן נאַטירליכען וועג. דאָס האָט געהייסען אפּיקורסות, דאָס האָט געמיינט, אַז מען האָט ניט גענוּג בטחון אין דעם אַלמעכטינען, וואָס איז אַלליין דער איינציגער דאָקטאָר אַנדערע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער אין האָבען געטענה׳ט, אַז היילען קראַנקהייט איז פֿיר זיך אַ פֿערברעכען, ווייל מען האַנדעלט דערמיט געגען דעם ווילען פֿון גאָט.

ווען ד ז ע נ נ ע ר האָט, ביין ענדע פֿון 18-טען יאָהר־הונדערט, ענטדעקט דיא וויכטיגקייט פֿון פּאָקען שטעלען אַלס אַ מיטטעל צו פֿערהיטען דיא פּאָקען-קראַנקהייט האָט זיך אויפֿגעהויבען געגען איהם אַזאַ רעש און געפילדער ניט נור פֿון דיא גלחים, זאָגדערן אויך פֿון דיא מעדיצינישע פֿאַקולטעטען, אקוראַט וויא ער וואָלט דיא מענשהייט געוואָלט אונגליקליך מאַכען. דיא הויפּט טענה געגען פּאָקען שטעלען איז בעשטאַנען אין דעס, וואָס מען דאַרף זיך ניט קליגען געגען גאָט; ער, דער רבונו של עולם, ברייננגט אויף דיא מענשען שרעקליכע מגפות פֿון פּאָקען און ניט פֿון דעם זינדיגען מענשען איז עס צו זוכען מיטטלען געגען דעם.

דער קאַמפּף געגען פּאָקען-שטעללען איז אָנגעגאַנגע

ניט נור ביי דיא אומות העולם, נאָר אויך ביי אידען. אין ספר "עלה תרופה" ווערט דערצעהלט, אַז פיעלע פון דיא אידען האָבען זיך ניט געלאָזען שטעללען קיין פּאָקען, ווייל "שאסור לאיש הישראלי לבקש תחבולות לאשר הביא אלוה בידו לעונש תרוץ"— אַ אידען איז פערבאָטען צו זוכען מיטלען געגען גאָט'ס שטראָף.

ניט וועניגער האַרט איז געווען דער קאַמפף געגען דיא איינפיהרונג פון דיא שלאָף-געטרענקע (אַנאַסטהעטיגס), דיע פרומע נשמות האָבען געטענה'ט, אַז עס איז אַ גרויסע עברה צו געבען אַ שלאָף-טרונק. איבערהויפּט האָבען זיי געקעהרט וועלטען געגען דעם, וואָס מען גיט אַ שלאָף-טרונק צו אַ געווינערין, זיי האָבען געטענה'ט, אַז דאָס איז געגען גאָט'ס וויללען, וועלכער האָט פערשאָלטען דיא פרוי צו ליידעןביין געבוירט פון אַ קינד. זיי האָבען זיך ניט געקענט בערוהיגען ביז עס האָט זיך געפונען איינער, וועלכער האָט זיי בעקעמפפט מיט זייערע אייגענע וואפען: ער האָט נעמליך געטענה'עט, אַז גאָט אַליין האָט געגעבען אַ שלאָף-טרונק, ווען ער האָט געדאַרפט מאַבען אַן עהנליכע אָפּעראַציאָן: ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסנעהמען חוה'ן פון אדם'ען, האָט ער איהם געגעבען אַ שלאָף-טרונק.

אין אונזערע נעקסטע קאַפּיטלען וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידען איבער דיא "ראַדיקאַלע" מיטטלען פון דיא גלחים און דיא רבנים געגען פערשיעדענע קראַנקהייטען, וויא צ. ב. ש. אַ קאַפּיטעל תהלים געגען קדחת און אַ שטיקעלע זוהר געגען בויך וועטאָג.

7.

# לחשים, השבעות און קמעות.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט אין פאָריגען קאפיטעל האָבען אוניערע, אור־אור־עלטערען בעטראַכט קראַנקהייט אַלס אַן אונאַטירליכע ערשיינונג, וועלכע ווערט פאַראורזאַכט דורך דיא שדים און רוחות רעות. היילען אַ קראַנקהייט קען מען דאַרום נור דורך דעם, וואָס דיעזע מזיקים ווערען פאַרטריבען, זאָ דאָס זיי קענען ניט מאַכען גילטיג זייער פערדערבענדען איינפלוס.

נון האָט זיך אין פערלויף פון דער צייט אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע וויססענשאַפט בכח דעם ענין. עס זיינען פערפאַסט געוואָרען זעהר פיעל לחשים און השבעות אויף יעדע קראַנק־הייט באַזונדער. דיא לחשים און השבעות זיינען בעשטאַנען פון ווערטער, וועלכע האָבען זיך ניט געקלעבט איינע צו די אַנדערע, האָבען ניט געהאַט קיין שום זינען, אָבער טאַקע אין דעם גופא איז בעשטאַנען זייער שטאַרקייט. וואָס מעהר פערשטענדליך, וואָס מעהר אונזיניג אַ געוויסער לחש איז

געװען, דעסטאָ װירקזאַמער איז ער געװען. די אונפֿערשטענ־דליכע װערטער, װעלכער קיין לעבעדיגער מענש האָט פֿער־שטאַנען, אפילו ניט דיא מכשפֿים, האָבען באַזעסען דיא איינענשאַפֿט צו היילען קראַנקה יטען.

דיא אָבשטאַמונג פֿון דיעזע זאָנדערבאַרע װערטער און פֿראַזען, פֿון װעלכע דיא לחשים און השבעות זיינען צוזאַמענ־געשטעלט געװאָרען, דאַרף מען זוכען אין דער צייט, װען יעדע פֿאַמיליע האָט זיך געהאַט איהר אייגענעם גאָט, װעל־כער האָט געהאַט די עובדא איהר צוא שיצען. דאַמאָלס, װען עס פֿלעגט זיך עפּעס טרעפֿען אַן אונגליק אין דער פֿאמיליע, פֿלעגט מען זיך גלייך קעהרען צום פֿאַמיליען גאָט. ניט זייענדיג אים־שטאַנדע צו פֿערפֿאַסען שירים ותשבחית װי עס פּאַסט זיך, פֿלעגען זיי נור רופֿען דעם נאָמען פֿון זייער היילינען שיצער. עס קומט נאך איצטער אויך אויס צו הערען װיא איינער שרייט אין פֿערצװייפֿלונג „אָ גאָט, גאָט, גאָט!" אָהנע צו געפֿינען דיא װערטער אויסצודריקען זיין װאונש.

שפּעטער, װען יענע פֿאַמיליען־געטער זיינען שוין לאַנג פֿאַרשװאונדען געװאָרען און אויף זייער אָרט זיינען אויסגע־װאַקסען נייע געטטער, זיינען אָבער זייערע נעמען נאָך אַלץ געבליעבען אַלס דיא שומות הקרושים—הייליגע נעהמען — װעלכע קענען העלפֿען צו קראַנקהייט װען מיא רופֿט זיי.

אויך ביי די אידען, װיא ביי אַללע אַנדערע פֿעלקער, זיינען געװען פֿאַרשיעדענע השבעות און לחשים אין תלמוד, אַ װערק װעלכע האָט זיך אויסגעאַרבייט אין פֿערלויף פֿון איינינע יאָהר הונדערטע פֿון פֿערשיעדענע מענשען, זיינען נאַטירליך פֿאַראַנט פֿערשיעדענע מיינונגען װעגען דער פֿראַגע. דיא מעהר פֿאָרטגעשריטענע פֿון דיא תלמודיסטען לאַכען זיך אויס פֿון דיא לחשים און בעטראַכטען עס פֿיר אַ מין געטצען־דיענסט, בעהויפּטענדיג אַז „הלחוש על חמכה אין לא חלק לעולם הבא". דאַגעגען געפֿינען זיך פֿיעלע תלמודיסטען װאָס

האַלטען שטאָל און אייזען פון דיא פערשיעדענע לחשים און השבעות, און זיינען עס מתיר צו זאָגען.

ביי אידען, און טהיילווייז אויך ביי דיא קריסטען, גע־פינט זיך נאָך א וויכטיגע וואַפע מיט וועלכע אַלע קראַנק־הייטען קענען בעקעמפפט ווערען: דאָס זאָגען פון הייליגע פסוקים. ד״ר תהילים פאַרנעהמט אין דיעזען הינזיכט דעם ערשטען פּלאַץ. דאָס איז נאָך וועניג, וואָס תהילים זאָגען איז אין אַלגעמיין אַ זעהר ווירקזאַמער מיטטעל געגען אַלע צרות, געפינט זיך אויף יעדע קראַנקהייט אַ בעזונדערער קאַפּיטעל תהילים: איין קאַפּיטעל תהילים צו קאָפּ־וועהטאָג, נאָך איינער צו בויך־וועהטאָג און אַזוי כסודר. עס געפינט זיך אַ גאַנצער ספר מיט דעם נאָמען "שומות תהילים", וועלכער ערקלעהרט, זאָ צו זאָגען, די פיזיאָלאָגישע ווירקונג פון יעדע קאַפּיטעל תהילים בעזונדער און זיין טהעראַפּישע אָנווענדונג.

דיא קמעות זיינען פערשיעדענע געגענשטענדע, אויף וועלכע עס ווערען אָנגעשריעבען אָדער אויסגעקריצט פער־שיעדענע הייליגע נעהמען מיט דער כונה, אַז דער וואָס טראָגט זיי זאָל זיין זיכער פון דער שלעכטער ווירקונג פון דיא בייזע גייסטער.

דיא קמיעות זיינען בעשטאַנען פון רינגען, צירונג, און צעטלעך, דיא רינגען זיינען געוועזען געמאַכט פון פערשיעדענע מעטטאַלען, יעדער מעטאַל האָט זיך געהאַט אַ בעזונדערע בעדייטונג, שטעהענדיג אונטער אַ ספּעציעלען מזל. אַ גאָל־דערנער רינג, האָט געהאַט אויף זיך דעם נאָמען און דעם געשטאַלט פון דער זון; אַ זילבערנער פון דער לבנה; אַן אייזערנער פון דעם מזל מאדים; אַ בלייערנער פון דעם מזל שבתאי א. ז. וו. מיט דער הילפע פון דיעזע רינגען האָט מען געקענט ווערען אַ רואה ואינו נראה, געקענט פאַנגען דיא הערצער פון שיינע פרויען, און געקענט וויסען יענעמס געדאַנקען.

צווישען דיא צירונג האָבען זיך געפֿונען אַזעלכע, וועלכע מי האָט געטראָגען אויפֿ'ן האַלז, אום זיך צו שיצען פֿון אַ בייזע אויג א. ד. ג. נאָך היינט איז ביי אידען אַ מנהג, אַז ווען ביי איינעם שטאַרבען זיינע אינגלעך, שטעכט מען אוים דעם אינגעל אַן אויער און טהוט איהם אָן אַן אויער רינג.

אויף דיא צעטלעך זיינען געווען אָנגעשריבען פֿאַרשידענע הייליגע נעהמען אָדער פסוקים, וועלכע האָבען אין זיך געהאַט דיא סגולה צו באַשיצען דעם טרעגער פֿון פֿערשידענע רוחות רעות; דיעזע הייליגע צעטלעך פֿלעגט מען טראָגען אויפֿ'ן האַנד; אָדער צווישען דיא אויגען —תפֿילין; אָנקלאַפען אויפֿ'ן טיר מזוזות; צובינדען צו קליידער ציצית.

דיא קמעות האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע ביי די אַלע אַלטע פֿעלקער. דיא אַלטע עגיפּטער האָבען געהאַט קמעות ניט נור פֿיר דיא לעבעדיגע, זאָנדערען אויך פֿיר דיא טוידטע ווען זיי פֿלעגען מיטנעבען אין קבר אַ קמיע. דיא קעניגע פֿון דיא אַלטע עגיפּטער פֿלעגען זיך ניט ריהרען פֿון אָרט אָהן אַ קמיע. זייערע סאָלדאַטען פֿלעגען אין דער צייט פֿון מלחמה אויך טראָגען קמיעס.

דער רוימישער קיסר יוליוס האָט געהאַט אַ קמיע, וועלכע ער האָט געקראָגען פֿון אַן עגיפּטישען גלח, ער האָט דיא קמיע געהיט וויא דיא שוואַרץ־אַפּעל פֿון זיין אויג. איינמאָל, ווערט דערצעהלט, האָט ער פֿערגעסען אָנצוטאָהן זיין קמיע און ער איז טאַקע יענעם טאָג געהרג'ט געוואָרען.

ביי דיא אידען איז דער טראָגען פֿון קמיעס געווען איינגעפֿיהרט נאָך מימים קדמונים. ס'איז אָהן צווייפֿעל, אַז דיא תפֿילין זיינען געווען אַזעלכע קמיעס. וואָס מי האָט געטראָגען אויף דיא הענד און צווישען דיא אויגען, אום צו פֿערהיטען דעם טרעגער פֿון בייזע אויגען און פֿון שלעכטע רוחות.

דיא תפֿילין זיינען געווען אַזעלכע קמיעס, וואָס נור די העכערע קלאַסע, דיא לומדים און נגידים האָבען געטראָגען;

דער פּראָסמער המון האָט זיך בענוגענט מיט אַן איינפאַכע קמיע. שפּעטער האָט אויך דער המון, וועלכער האָט שטענ־דיג ליעב נאָכצוטאָהן דיא גרעסערע, אויך אָנגעפאַנגען צוא טראָגען דיא תפילין.

אין דיא מיטטעל־אַלטער יאָהרען האָט זיך דער טראָגען פון קמיעות נאָך מעהר פערברייטעט ביי אידען. עס זיינען פערפאַסט געוואָרען מעהרערע ספרים מכח דעם ענין. יעדער מקובל, יעדער בעל־שם האָט געשריעבען קמיעות על כל צרה שלא תבא. די קמיעות האָבען ענטהאַלטען נעמען פון אַלערליי פאַרצייטיגע היידנישע געטטער, וועלכע די מקובלים האָבען עס מגייער געוועזן אין שמות קדישים. דערצו האָבען זיי זיך אויסגעטראַכט אַ שם־מפורש פון צוויי און פיערציג און צוויי און זיעבעציג נעמען. דער שם־מפורש פון צוויי און זיעבעציג נעהמען (שם ע"ב) ווערט ארויסגענומען פון דריי פסוקים אין בשלח (שמות). דיא פסוקים ווערען איינגע־שטעלט אַזוי, אַז יעדער נעכסטער בוכשטאַב קומט אריין אין אַ בעזונדער שם. אויף אַזאַ אַרט בילדען זיך צוויי און זיע־בעציג שמות, וועלכע קלינגען זיך אויך [illegible] דיא [illegible] וויא אַן ארבעט צום וואַנד, אין האָבען [illegible] מיט דעם כח פון דיעזע הייליגע שמות האָבען עס דיא בערי שמות אויפגעטהאָן אַללע זייערע מופתים.

דער האר"י הקדוש (ר' יצחק לוריא) און זיין תלמוד ר' חיים וויטאַל זיינען געוועזן דיא יעניגע וואָס האָבען ענט־וויקעלט דיא קמיע שרייבעריי איז אַ גאַנצע קונסט. שפּע־טער זיינען עס געוועזן שבתי צבי און זיינע אַנהענגער, וועלכע האָבען זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט דערמיט

דער גרויסער קריעג וואָס האָט אויסגעבראָכען צווישען ר' יונתן מפרג און ר' יעקב עמרן איז געקומען דערפֿון וואָס אין דיא קמיעות פֿון ר' יונתן פרעגער האָט מען געפֿונען דעם נאָמען פֿון שבתי צבי אַלס איינעס פֿון דיא חייליגע שמות.

8.

# גלגולים.

דיא אמונה אין גלגולים איז אַ גאַנץ אַלטע. מען געפֿינט איהר ביי דיא עלטסטע פֿעלקער. דיא אינדיער גלויבען, אַז דיא מענשליכע נשמות זיינען עס דיא מלאכים, וועלכע זיינען אַראָבגעוואָרפען פֿון דיא הימלען אויף דער ערד פֿיר זייערע זינד, דיעזע פֿערזינדיגטע קינדער פֿון "בני האלהים" זיינען געצוואונגען מגולגל צוא ווערען אין אללע חיות ביז וואַנען זיי קומען ענדליך אַריין אין מענשען, ערסט דאַמאָלס האָבען זיי אַ געלעגענהייט צו קריגען אַ "תקון", פֿון דאָס נייע צו עררייכען דעם הויכען צושטאַנד אין וועלכען זיי האָבען זיך אַמאָל געפֿונען.

דאָס זעלבע האָבען אויך געגלויבט דיא אַלטע עגיפּטער, וועלכע האָבען דאַרום פֿערהייליגט און פֿערגעטערט מאַנכע פֿון דיא ניעדערינע בעלי חיים.

אויך ביי דיא אַלטע גריכען איז דיעזער גלויבען אין אין גלגול געווען שטאַרק פֿערברייטעט, ניט נור צווישען דעם

המון, נאָר אויך צווישען דיא פֿילאָזאָפֿען, וועלכע האָבען זיך אויפֿגעבויט גאַנצע סיסטעמען וועגען דעם.

ביי דיא אידען איז דיא אמונה אין גלגול פֿערהעלטניס מעסיג גאַנץ אַלט. אין דיא אַלטע אידישע שריפֿטען, אין דער ביבעל מוז מען מודה זיין, איז וועגען דעם ניט דערמאָנט א ווארט. דאָס קומט דערפֿון, וואָס דיא אַלטע העברעער האָבען איבערהויפט געהאַט אַ גאַנץ דונקעלען בעגריעף וועגען דיזע אַלע העכערע ענינים. זיי זיינען געווען צו ווייניג ענטוויקעלט, אום זיך צו אינטערעסירען מיט אַזעלכע פֿראַגען דיא פֿראַגע וועגען "השרת הנפש" צב"ש. איז אין גאַנץ תורת משה ניט דערמאָנט. דער "שחר-וועונש" פֿון דער אידישער תורה איז ניט אויף א יענער וועלט", זאָנדערן אויף אונזער זינדיגער וועל-טעל, און דיא גוטס און שלעכטס זיינען גוטס און שלעכטס פֿיר דעם קערפער. פֿון אַ לעבען נאָכ'ן טוידט, פֿון אַ נשמה אַלס אַן ערעלערעס וועזען, וועלכע ווערט געלייטערט נאָכ'ן טוידט, פֿון אַ גהינום און גן-עדן — פֿון דיזע אַללע זאַכען איז אין דער תורה אַ וואָרט ניט דערמאָנט.

דיא אמונה אין גלגולים איז העכסט וואַהרשיינליך גע-קומען צוא דיא אידען פֿון דיא כאַלדעער, אַ פֿאָלק וואָס איז געשטאַנען אויף אַ העכערע מדרגה פֿון גייסטיגער ענטוויקלונג.

דאָך, דיא "עהרע" פֿיר דער פֿאָלשטענדיגער אויסאַר-ביימונג פֿון דיזער גלגול-לעהרע ביי אידען בעלאַנגט צוא דער פֿערהעלטניסמעסיג לעצטער צייט. ס'איז אמת, אַז שוין ר' סעדיה גאון בעקלאַגט זיך אין זיין "אמונות ודעות", אַז צווישען פֿיעלע איז דיזער גלויבע אין גלגול פֿערשפּרייט, אָבער ער רופֿט אָן יענע גלויביגער מיט דעם נאָמען "כת" —אַ סעקטע —, וואָס דאָס בעווייזט, אַז דאָס פֿאָלק אין אַלגעמיינען האָט נאָך אין דעם ניט געגלויבט.

דערפֿאַר אָבער, זיינען דיא קבלה-ספֿרים אָנגעשטאָפּט

מיט אַלערליי ווילדע נאַררישקייטען איבער דעם ענין. דער זוהר, (אַ ווערק וועלכע איז. אין אמת'ן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון אַ געוויסען ר' משה דיליאָן, וועהרענד דער עולם גלויבט, אז ער איז פערפאַסט געוואָרען פון ר' שמעון בן יוחאי) איז פול מיט מעשיות פון גרויסע נשמות, וועלכע זיינען מגולגל געוואָרען אין אַנדערע גרויסע מענשען, כדי זיי זאָלען ערפיללען איינע פון די תרי"ג מצות, וועלכע זייא האָבען ניט געקענט ערפיללען אין זייער ערסטען לעבען.

דער רמב"ן, שפעטער דער האר"י הקדוש (ר' יצחק לוריא), און זיין תלמיד ר' חיים וויטאַל האָבען דיעזע גלגול־לעהרע אויסגעאַרבייט אין אַ גאַנצע טעאָריע:

דיא נשמה איז אַ העכסט ערלער וועזען, אַ טהייל פון גאָט אַליין וועלכע בעזיצט אַללע געטליכע אייגענשאַפט. איידער זיא ווערט אַריינגעלאָזען אין חומר לעבט זיא אַן אייביגען לעבען פון אונענדליכען גליק און צופריעדענהייט. זיא איז אָבער אַן אונגעבעטענער גאַסט, זיא פערדינט ניט דיזע תענוגים, זיא האָט גאָרניט געטהאָן דאַפיר. און זיא ווערט דאַרום אַרונטערגעשיקט אין אַ פּראָסטען חומר, אויף אַ וועלט פון אַללערליי תאוות און נסיונות, וואו זיא דאַרף זיך אָבער ניט לאָזען פערפיהרען און טאָהן נור וואָס גוט איז. האָט זיא ערפיהלט איהר מיססיאָן— איז אַז גוט און אַז וואויל צו איהר; ווען ניט, דאַן מוז זיא נאָך אַ מאָל אָנגעטאָהן ווערן אין אַ חומר, אום זיא זאָל טאָהן אין איהר צווייטען אירדישען לעבען דאָס, וואָס זיא האָט ניט געטאָהן אין איהר ערסטען, און האָט דיא אונגליקליכע נשמה אויך אין איהר צווייטען לעבען ניט געקענט ערפיללען איהר מיססיאָן, ווערט זיא אַ דריטען מאָהל מגולגל א. ז. וו. א. ז. וו.

יעדע נשמה מוז ערפיהלען דיא תרי"ג מצות, ערסט דאַמאָלס קריגט זיא אַ תקון. נון איז דאָך מעגליך אַז אַ נשמה האָט אָבגעטאָהן אַללע מצות אויסער איינע: זי דאַרף

אַלוֹאָ האָבען תקון אויף איין מצות. פֿון דעם אַנדערען זייט איז דאָ אַ נשמה, וועלכע האָט פֿון אַללע מצות בלויז איינע ערפֿיהלט: דיזע נשמה דאַרף האָבען תקון אויף גאַנצע זעקס הונדערט און צוועלף מצות. און צווישען דיזעביידע עקס־טרימען זיינען פֿאַראַנען נאָך זעקס הונדערט און עלף מדרגות. עס איז דאָרום קלאָהר, אַז גלגול און גלגול איז ניט גלייך. ניט נור ווערט איינער מגולגל אין אַ מענשען: עס זיינען אויך דאָ גלגולים אין אַללע חיות. און עס זיינען אויך דאָ נשמות, וועלכע בלאָנדזען נעביך גאָר אַרום אין עולם התהו, סתם אַזוי זיך אָהן אַ תכלית, אָהן א ציעל און אָהן אַ האָ־פֿענונג ווען עס איז מתיקן צו ווערען. דיעזע לעצטע זיצען אין לוירן און וואַרטען אויף אַ געלעגענהייט, ווען זיי זאָלען זיך קענען אַריינכאַפּען אין אַ מענשען, כדי אויף אזא אויפֿן צו קריגען דיא מעגליכקייט מתוקן צו ווערען. דאָס זיינען עס דיא "גלגולים" פֿון וועלכע עס ווערט דערצעהלט אַזוי פֿיעל חדושים, און זיי נעבעך ווערן עס אַרויס־געטריעבען פֿון דיא הייליגע רביים און דיא בעלי שמות דורך דער שרעקליכער גבורה פֿון דיא הייליגע שמות.

אַזאַ פֿערוואָגעלטע נשמה קען זיך אַריינכאַפּען אין אַ מענשען נור דאַן, ווען ער האָט געטאָהן עפּעס אַן עבירה. ווען דיא נשמה, צ"ב. אין איהר גערונד לעבען ליגט ערגעץ אויף אַ פֿרוכט בוים און אין דער זעלבער צייט האָט יענער אָבגעריסען דיא פֿרוכט און האָט דערפֿון געגעסען אָהנע צוא מאַכען אַ ברכה, דאַמאָלס האָט דיא נשמה שליטה אַריינצו־כאַפּען זיך אין דעם זינדער.

דער אונגליקליכער אין וועמען אַזאַ נשמה האָט זיך אַריינגעכאַפּט ווערט א "בעזעסענער", און ער קען נור דאַמאָלס אויסגעהיילט ווערען, ווען דער גלגול ווערט פֿון איהם אַרויס־געטריבען.

אין יענער צייט, ווען מענשען האָבען קיין ידיעה ניט

געהאַט וועגען דיא פֿאַרשיעדענע נערוועז און גייסטעס־קראַנקע, האָבען זיי דיעזע קראַנקהייטען ערקלעהרט אויף אַן איבערנאַטירליכען אויפֿן. אַ משוגענער איז ניט בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ קראַנקער, זאָנדערען אַלס אַ באַזעסענער. עס איז דאַרום ערקלעהרליך, וואַרום מיר האָבען אַזוי פֿיעל איבערליפֿערונגען וועגען דיעזע בעזעסענע אָדער גלגולים. מאַנכע פֿון דיעזע קראַנקהייטען קענען און ווערען נאָך עד היום געהיילט נור דורך דעם איינפֿלוס פֿון דעם דאָקטאָר און דעם גלויבען פֿון דעם פּאַציענט, דורך דעם מעזמעריזמוס, איפּנאָטיזמוס, אָדער זאָגאַר מיט דער הילפֿע פֿון דער זאָגענאַנטע "קריסטליכע וויססענשאַפֿט". עס דאַרף אונז אַלזאָ ניט וואונדערען, וואָס מאַנכע פֿון דיא בעלי שמות איז ווירקליך געלונגען צו היילען דיזע בעזעסענע אָדער "אַרויסצוטרייבען דיא גלגולים" דיא בעזעסענע האָבען געגלויבט אין דיא קראַפֿט פֿון דיא בעלי שמות, דיא בעלי שמות האָבען געגלויבט אין זייער אייגענעם קראַפֿט, און דאָס איז געוועזען נענוג.

דער קערפּערליכער און גייסטיגער טהייל פֿון מענשען זיינען זעהר ענג פֿאַרבונדען, אַזוי ענג, אַז אַ שטאַרקער איינדרוק אויף איין טהייל מוז זיך אָברופֿען אויפֿן צווייטען.

# א מאָנאָלאָג פון דער דומהייט.

אַך, וויא גוט מיר איז צו ליגען,
בײ דעם אַרבייטס־מאַן אין קאָפּ
ס׳איז מיין בעסטעס פאַרגעניגען
קיין זאַך געהט מיר דאָרט ניט אָפּ.

* * *

עסען, עס איך זיין געהירען
(ס׳איז אַ זעהר זיסע זאַפּט)
אין דער שטיל — ער זאָל ניט שפירען —
זויג איך אוים זיין דענקונגס־קראַפט.

* * *

כ׳בין ביי קיינעם אונטערטהעניג
איך אַליין האָב דאָרט דיא מאַכט
איך רעגיער דאָרט, וויא אַ קעניג
ווייל עס איז דאָרט שטענדיג נאַכט...

* * *

ווי אַ פלעדערמויז פאַרשפּרייט איך
מיינע שוואַרצע פליגעל דאָרט
און דיא פינסטערנים פערברייט איך,
כ׳לאָז פאַר ליכטיגקייט קיין אָרט.

* * *

טאָמער קומט אַ שטראַהל געפלויגען
פון פערשטאַנד און וויל אַריין,
ליג איך דאָרטען אויסגעצויגען
און איך שריי: „דער אָרט איז מיין!"...

* * *

קריעגט דער אַרבייטער אָחאָטע
צום פערשטאַנד (אָ גאָט בעהיט)!
שריי איך, וויא אַ פראָש פון בלאָטע:
"הער, מיין פריינד, עס טויג דיר ניט!...

און וויא דאַנקט מיר טהראָן און גלויבען
פֿאַר מיין הילף צו זייער ציעל!
איך, די דומהייט, העלף זיי רויבען
טרייבען זייער טייפֿעל־שפיעל,

* *
*

איך, די דומהייט, בין די קירכעס
בלאַנקער, צוויי־געשאַרפֿטער שווערד,
נאָר דורך מיר, אָהן מיה, אָהן טרחות
רויבט זיא זיך די גאַנצע ערד—

* *
*

איך, די דומהייט, העלף פֿערפֿיהרען
אין א שמוץ דעם ארבייטס־מאַן
כ'היים איהם דולדען ד'א וואַמפירען—
שאַפֿען אוצרות דעם טיראַן—

* *
*

איך בין דאָס דער שוואַרצער שלייער,
וואָס פֿערשטעלט דיא וועג צום גליק,
איך בין דאָס דער קעפ־פֿערדרייער,
כ'היים די מענשהייט גיין צוריק...

* *
*

דאָך... איך ציטער... אָ, דיא צייטען...
עפעס דוכט מיר... דוכט זיך אָפּ
אַז דער אַרבייטער וועט בייטען
מיך, זיין שכן, פֿון זיין קאָפּ—

* *
*

דען אין פוסטען שוואַרצען נאַכט,
וואו איך הערש מיט ווילדער מאַכט
דרינגט פֿערשטאַנד אריין מיט כח
און מיין שאַבּען־בהראָהן צוקראַכט....

# עס איז ערשינען:

## 1) די אידישע אינקוויזיציע

פֿון בי פֿייגענבוים.

א׳ן העכסט אינטערעסאַנטער בוך פֿאַר׳ן פֿרייען געדאַנק 100 זייטען שטאַרק.

פרייז אין ענגלאַנד 6 פענס. אין אַמעריקאַ 15 סענט.

---

## 2) בלעטער אוים דער געשיכטע פֿון אבערגלויבען

פֿון דר. א. גינזבורג.

א העכם בעלערענטער בוך 64 זייטען שאַרק.

פרייז אין ענגלאַנד 4 פענס. אין אַמעריקאַ 10 סענט.

---

## אין דרוק!

קירצליך ערשיינט

# דער אטהעאיזמוס

פֿון א. לעזעור

48 זייטען שטארק, וועט קאסטען בלויז,

3 פּענס אין אמעריקא 8 סענט.

M. N. MAISEL, A SELECT STOCK OF English, German, French and Russian BOOKS ALWAYS ON HAND 422 Grand St., N.Y.